The Hebrew Journal
דער אידישער
זשורנאל
The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע ציימונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No 678 | Toronto, Monday, August 30th, 1915 | מאנטאג דער 30־טער אויגוסט 1915 | כ' אלול פ' נצבים וילך תרע"ה | PRICE: 1 CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

רוסען ציהען פון גאליציען

דייטשען נאַהענט פון קאָברין

גריעכענלאַנד שיקט אַן אולטימאטום צו טערקיי

רוסען ציהען זיך צוריק פון גאליציען.

לאנדאן אויגוסט 29.

דער אינטערעס אין מזרח שלאכטפעלד איז היינט אריבער פון צווישען באלטישען ים און די גרויסע זומפען ארום פינסק אויף אן אנדער פלאטץ, צום דרום זייט פון דיזע זומפען אויף דער לענג פון דער אויבערשטער טהייל פון בוג, זלאטא ליפא און דניעסטער, וואו די עסטרייכער און דייטשען האבען אנגעהויבען אן אנגרייפענדע טאקטיק.

די דייטשען האבען געמאכט פערזוכען צו אטאקירען אויף פערשיעדענע פונקטען, געלונגען איז זיי אבער בלויז זיך צו בעפעסטיגען אויף דער לינקער זייט פון טייך זלאטא ליפא. די שרעקליכסטע שלאכט איז פארגעקומען, לויט די בעריכטען, אין דעם געגענד אין צפון פון בזשעזשאני. עס איז אויך דארט וואו דער שונא האט עם פערכאפט א פאזיציאן דאס הייסט אויפן לינקען ברעג פון זלאטא ליפא.

גרויס וויכטיגקייט שרייבט מען צו דיזע אפעראציעס ניט צו, ווייל מען האט עס בעטראכט פאר אונפערמיידליך אז די רוסען וועלען מוזען, פריהער אדער שפעטער צוריק ציהען זייערע ארמייען דערפאר ווייל זייער רעכטער פליגעל און צענטער האבען זיך צוריקגעצויגען צו א נייער פערטהיידיגונגס ליניע אין צפון זייט.

אין זייער אפיציעלען בעריכט זאגען די עסטרייכער דאס די רוסען האבען שוין אנגעהויבען זיך צוריק צו ציהען פון מזרח גאליציען.

עקספערטען זאגען אז דאס וואס די רוסען האבען אנגעהויבען זיך צוריק צו ציהען, אז גראדע דאס, האט געמאכט די דייטשען אנצופאנגען די אפענסיווע.

די דייטשען זיינען אבגעשטעלט

די רוסען האבען אבגעשטעלט דיא דייטשע אפענסיווע ארום פריעדריכשטאדט, אין דרום זייט פון ריגער ראיאן, נאכדעם ווי דער שונא האט זיך געשלאגען מיט גרויס עקשנות דורך צו ברעכען דיא אייזענבאהן ליניע וואס געהט צווישען קרייסבורג און מיטאווא, דעם וועג צו ווילנא און אויף דעם געגענד צווישען די טייכען דעם טייך ווילליא און ניעמאן. די רוסען האבען געמאכט צו גאר ניט די דאזיגע אפענסיווע מיט געגען אטאקען אויף דעם מיטעל טהייל פון ניעמאן און אויף'ן באבריפעט פראנט. עס זיינען אויך פארגעקומען גרויסע שלאכטען אויף דעם רעכטען ברעג פון טייך ווילליא.

דער רוסישער קריעגס אפיס האט ערקלעהרט דאס נעכטען איז פארטגעזעצט געווארען דאס אלגעמיינע צוריק ציהען זיך און דאס ווי תמיד האט זיך דער ריער גארד געשלאגען, הויפטזעכליך אויף די וועגען וואס פיהרען קיין ביאליסטאק, און אויף'ן מערב גרענעץ פון בעלאוועסקאיא און פוסקא און אויף אין דער ריכטונג פון קאברין.

ניט ווייט פון קאברין

ווי דער בערלינער קריעגס אפיס טהיילט מיט, האט פעלד מארשאל מעקענזען כמעט געגרייכט קאברין. דאס לאנד דורך וועלכען מעקענזען'ס ארמיי קומט אוים צו געהען איז זעהר זומפיג און די אפעראציעס אין דעם געגענד ווערען אויסגעפיהרט מיט גרויסע שוועריגקייטען.

מאריעטא טרייבט ארויס "פרעמדע"

מאריעטא, דזשארדזשיא אויגוסט 28.

אכט "פרעמדע" זיינען לעצטע נאכט ארעסטירט געווארען אין מאריעטא, מען האט זיי איינגעשלאסען אין א וואגאן פון א פראכט טריין און ארויסגעשיקט פון שטאדט. דער וואגאן איז בעוואכט געווארען ביז דער טריין איז אוועקגעפאהרען.

זייט לעא מ. פראנק איז געלינטשט געווארען זיינען שוין פיעלע פערזאנען ארויסגעטריבען געווארען פון דזשארדזשיא. אין פריהערדיגע פעלע האט מען עס אבער געמאכט אויף א "העפליכען" אופן. מען האט די "פרעמדע" געגעבען אנצוהערען אז אויב זייער לעבען איז זיי ליעב זאלען זיי פערלאזען מאריעטא. זיי האבען פערשטאנען דעם ווונק און זיינען אוועק. די 8 ארויסגעטריבענע האבען אבער קענטיג ניט געוואלט פערלאזען די שטעדטעל מיט'ן פרייען ווילען.

די אורזאכע ווארום מאריעטא וויל ניט האבען קיין פרעמדע איז וואס זי האט מורא אז דאס זיינען דעטעקטיוום וועלכע זוכען אויסצוגעפינען ווער די לינטשערס זיינען געווען. יעדע פערזאן וואס קומט אין מאריעטא און קען ניט אנגעבען א גענינענדע אורזאכע פאר זיין בעזוך ווערט דארום ארויסגעטריבען.

גריכענלאנד שיקט באלד אן אן אולטימאטום צו טערקיי.

אטהענס אויגוסט 28

אין היגע פאליטישע קרייזען ווערט בעהויפטעט, אז אין גיכען וועט פארקומען א ריס אין די דיפלאמאטישע בעציהונגען צווישען גריכענלאנד און טערקיי.

עס הייסט אז צוליעב די פערפאלגונגען וואס די גריכען שטעהען זיך אוים אין פיעלע געגענדען פון דער טערקישער אימפעריע, גרייט פרעמיער וועניזעלאס צו א נאטע צו דער טערקישער רעגירונג און דיזע נאטע טראגט דעם כאראקטער פון אן אולטימאטום.

אויך האלט מען דא, אז דער נעקסטער שריט נאך דער נאטע וועט זיין קריעגס ערקלעהרונג דעם סולטאן.

עס איז קיין פראגע ניט, אז מיט דיזען שריט פון גריכענלאנד האבען אויך צו טהאן די פערהאנדלונגען, וואס די עליים פיהרען שוין אן אזא לאנגע צייט מיט דער גריכישער רעגירונג.

די מלחמה וועט דויערן נאך א יאהר

לאנדאן אויגוסט 28.

מיט דער גאנצער צווייטער ליניע וועלכע ציהט זיך פון קאוונא ביז ברעסט ליטאווסק אין דייטשע הענד, איילען זיך איצט די רוסען צוצוגרייטען א דריטע ניע וועלכע וועט זיך וואהרשיינליך ציהען פון מינסק, איבער פינסק, לידא, ביז ראוונא. לויט א ידיעה פון פעטראגראד האבען די רוסען שוין דיזע דריטע ליניע דערגרייכט.

ווי דער רוסישער קריעגס מיניסטער פאליוואנאוו, זאגט נביאות וועט דער שיקזאל פון דער גאנצער מלחמה ענטשיידען ווערען ניט פריהער ווי נעקסטען יאהר. די נייע ארמיי וועט זיין גרייט צום שלאכט פעלד דעם נעקסטען פריהלינג.

וואס אנבעלאנגט די ביזהעריגע פערלוסטען האט גענעראל פאליוואנאוו ערקלעהרט אז די רוסישע ארמיי אלס גאנצע איז נאך ווייט ניט געבראכען, און אז איהר צוריקטריט פון פוילען איז פארגעקומען אין פולער ארדנונג.

אויך פון בריסק, הייסט עס, איז דער רוסישער גארניזאן אבגעטראטען אין פולער ארדנונג. ער איז בעשטאנען פון 100 טויזענד מאן און ער האט זיך כמעט אין גאנצען אנגעשלאסען אן דעם איבעריגען חיל פון צאר.

אויף דער פראגע וועגען די קלאנגען אז די דייטשען גרייטען זיך צו אטאקירען פעטראגראד, האט דער רוסישער קריעגס מיניסטער ערקלעהרט, אז ער האט ניט מורא דערפאר, אז דעם צארס הויפט שטאדט איז גענוג בעשיצט.

מיט דער פערטהיידיגונג פון פעטראגראד פיהרט אן גענעראל ריזסקי, איינער פון די פעהיגסטע רוסישע קאמאנדירען, האט גענעראל פאליוואנאוו געזאגט.

אויף זייער צוריקטריט פערוויסטען די רוסען דאס גאנצע לאנד און מאכען א חורבן פון די שטעדטלאך און דערפלאך, וועלכע זיי בעטרעטען.

סאציאליסטען שרייען "האך" פארן קייזער אין רייכסטאג

בערלין אויגוסט 28.

נעכטען האט זיך דער רייכסטאג געשלאסען ביז דעם 30טען נאוועמבער און ביי דיזער געלעגענהייט האט עס צום ערשטען מאל פאסירט אין דער געשיכטע פון דייטשלאנד, אז צוויי סאציאליסטען האבען צוזאמען מיט די ניט סאציאליסטישע אבגעארדנעטע געשריען "האך" פאר דעם קייזער.

ביי דער זעלבער זיצונג האט דער רייכסטאג אויפגענומען מיט אפלאדיסמענטען די ערקלעהרונג פון בעטמאן האלוועג, אז ווילהעלם האט נאכגעגעבען דעם רייכסטאג און וועט ערלויבען צו מאכען אויף דער רייכסטאג געבויידע די אויפשריפט: צום דייטשען פאלק". איבער דיזער אויפשריפט געהט אן א סכסוך צווישען קייזער און דעם רייכסטאג פאר די לעצטע 20 יאהר. דער קייזער האט געוואלט האבען אן אנדער אויפשריפט און ביידע צדדים האבען ניט געוואלט נאכגעבען.

אין זייערע רעדעס האבען די רייכסטאג מיטגליעדער עטליכע מאל דערמאהנט דאס פאלען פון בריסק און האבען בעהויפטעט אז נאך די איצטיגע מפלות וועט רוסלאנד ניט קענען אויף דאס ניי מאכען אן ערפאלגרייכען אנגריף אויף די דייטשען.

דער טאראנטער ארבייטער קאנפערענץ

זונטאג דעם 29־טען אויגוסט איז אבגעהאלטען געווארען א רעגולאר מיטינג פון דער נאצ. ארב. קאנפערענץ פאר אידישע רעכטע. עס זיינען געוועזען פערטראטען די אלע ארגאניזאציאנען וועלכע פיהלען דעם שוידערליכען אונגליק וואס האט יעצט געטראפען דאס אידישע פאלק. זעהר הארמאניש זיינען בעהאנדעלט געווארען אלע פראגען וואס שטעהען פאר די אידישע ארבייטער אין דעם יעצטיגען מאמענט.

די דעלעגאטען בעריכטען וועגען דער צופריעדענהייט פון זייערע ארגאניזאציאנען מיט דער ארבייט פון קאנפערענץ.

דער סעקרעטער ווערט אויפגעפאדערט צו זעהען קריגען די ביישטייערונג פון די ארגאניזאציאנען פאר דעם דעליגאטען פאנד. עס ווערט בעשלאסען אז דער דעלעגאט א. ריינווייין זאל ערקלעהרען דורך דעם "אידישען זשורנאל" פיר דיא טאראנטאר אידישע ארבייטער זיין שטעלונג, בנוגע דער איצטיגער אידישער פראגע, און ווי אזוי די ארבייטער דארפען זיך צו איהר בעציהען.

עס ווערט בעשלאסען צו פעררופען א מאסען פערזאמלונג אויף שבת אבענד דעם 11־טען סעפטעמבער אין ליריק טהעאטער אויף וועלכע אונזער דעלעגאט א. ריינוויין וועט אונז אבגעבען א בעריכט פון דער קאנווענשאן.

די קאנפערענץ אפעלירט צו אלע ארבייטער ארגאניזאציאנען אז זיי זאלען זיך ערענסט פערזאינטערעסירען אין דער ארבייט פון דער קאנפערענץ, בכדי דער קאנפערענץ זאל קענען ארבייטען הארמאניש און דורך פיהרען די ארבייט וואס ער האט אויף זיך גענומען.

נור מיט פעראייניגטע כוחות וועלען מיר זיך קענען שטעלען געגען דעם ריעזיגען שונא אין דעם קאמפף פאר פאלקס רעכטע און בעפרייאונג.

ענגלאנד שיקט נייע $44,000,200 אין אמעריקא

אן אנדער ריעזיגע סומע אין גאלד און ווערטה פאפיערען פון ענגלאנד איז איצט אויפ'ן וועג נאך ניו יארק. די סומע בעשטעהט אין 25000,000 דאלאר אין ווערטה פאפיערען און 19,000,000 דאל. אין גאלד. ענגלאנד שיקט עס אהער אום צו פערשטארקען איהר קרעדיט אין אמעריקא.

רעוואלוציאן אין פארטוגאל

ליסאבאן, פארטוגאל 28 אויגוסט.

א רעוואלוציאן צו פערניכטען די רעפובליקאנישע רעגירונג און צוריק איינצופיהרען א מאנארכיע האט אויסגעבראכען אין נאחד פארטוגאל. בלוטיגע צוזאמענשטויסען מיט פיעלע פערלוסטען זיינען פארגעקומען.

דר. סילווא, דער מיניסטער פון אינערען האט היינט ערקלעהרט, דאס א סך וואפען און אמוניציאן וואס איז געגאנגען פאר די רעוואלוציאנערען איז פון דער רעגיערונג פערנומען געווארען.

רומעניער אנטלויפען פון עסטרייך.

בוקארעסט (דורך רוים) אויגוסט 28.

די רומענישע גענעראל קאנסולס און אנדערע רעגיערונגס אגענטען אין דייטשלאנד און עסטרייך האבען געקראגען א בעפעהל אז זיי זאלען זעהן אז אלע רומענישע אונטערטהאנען זאלען וואס שנעלער פערלאזען ביידע לענדער.

רומענישע באנקירען און פאבריקאנטען האבען שוין צוגעמאכט זייערע אבטהיילונגען וואס זיי האבען געהאט אין טראנסילוואניע און זייערע ארבייטער פאהרען ארוים צוריק קיין רומעניען.

ליריק טהעאטער

ווערט היינט ערעפענט, און ווי דיא קאמפאניע פערשפרעכט וועלען זיי געבען דעם בעסערען סארט פיעסען. דאס פובליקום קאן דאס לייכט אויספיהרען דערמיט וואס זיי וועלען אנפילען דאס הויז ראן ווען עס ווערט א גוטע פיעסע געשפיעלט, און די קאמפאניע וועט דאן זיין איבערצייגט אז מען פאדערט גוטע סחורה.

דורך דער צייט פון אויספערקויף פון אונזער $45.000 סטאק בוטס, שוהס, ראבער א. ז. וו. פיר מענער פרויען און קינדער וועט דער סטאר זיין אפען יעדען אבענד דער סייל וועט אנהאלטען ביז פרייטאג דעם 3טען סעפטעמבער. סאבא שוה סטאר 472 קווין סטריט וועסט.

ניטא קיין לשון

א פרעזידענט פון א שוהל וועלכער האט צוגעגעבען אז די אידישע פרעסע איז איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין טאראנטא, און אז דער "זשורנאל" ברענגט פיעל נוצען אין יעדער הינזיכט, און אז עס איז א חוב פון יעדען אידען פון טאראנטא, צו וואס פאר א קלאס ער זאל ניט געהערען, צו פאטראניזיען דעם "זשורנאל" מיט דרוקזאכען ווייל דער "זשורנאל" ערלויבט יעדען זיך צו בענוצען מיט די קאלומס אויסצודריקען זיינע אנזיכטען איבער אלע קהלשע ענינים, ווען ער האט אלעס צוגעגעבען, און מען האט איהם געפרעגט, וואו איז זיין פעראנטווארטליכקייטס געפיהל, וואו איז זיין יושר, פאר וואס גיט ער ניט זיין דרוק ארבייט צום "אידישען זשורנאל" איז ער פאר שאנדע רויט געווארען, נאר קיין לשון איז ניט געווען . . . ניט געווען קיין תירוץ . . .

א ברכה אויף אייערע קעפ אידישע וואלונטירען

דעם אמת זאגענדיג, האט זיך אונז געשראקען דאס הארץ ווען מיר האבען געזעהען נעכטען פריה דעם רעגען. עס האט אויסגעזעהען אז א דאנק דעם וועטער וועלען אונזערע ליעבע מלחמה ליידענדע נעבאך דעם זונטאג בלייבען ענטוישט. מיר האבען זיך אבער באלד איבערצייגט אז מיר האבען אטעות געהאט. מיר האבען זיי באלד געזעהען די וואלונטירען געהן אין די נאסען, אין רעגען, מיט זייערע שירמען אין איין האנד און זייערע קארטען אין דער צווייטער.

די אויגען האבען געשיינט און אויף'ן געזיכט פון יעדען פון זיי האט זיך געוויעזען א שמייכעל, דאס איז געווען דער אויסדרוק פון זייער פיהלען.

און זיי מעגען שמייכלען, זיי דארפען שטאלץ זיין.

זייער ארבייט איז ניט אבצושאצען. און ווען אונזערע ברידער און שוועסטער וועלען קומען נאך דער מלחמה, אהער צו אונז און מאנכע וועלען זיי אין די אויגען ניט קענען קוקען פאר שאנדע, זיי אבער, די וואלונטירען, וועלען מיט שטאלץ זיי קוקען גלייך אין געזיכט, זיי האבען יא געטהאן זייער פליכט!

ווען מיר שרייבען די דאזיגע צייל האבען מיר נאך ניט קיין פאלשטענדיגען בעריכט, נאר שוין וויסען מיר אז היינט אין רעגען האבען זיי קאלעקטירט 2 הונדערט מיט 39 דאלאר!

וויפיעל נשמות וועט דאס דערקוויקען וויפיעל טרעהרען וועלען דיא פאאר סענט אבווישען.

אין נאמען פון די אונגליקליכע דאנקט דער מלחמה קאנפערענץ די וואלונטירען און וואלונטירקעס פאר דער נאבעלער ארבייט זייערער און דעם אידישען פובליקום וואס עמפפאנגט זיי אזוי הערצליך און ניט זיי די 10 סענטינע!

סען קען זיין א גוטער בירגער אהן ענגליש

אלבאני אויגוסט 28.

די נעפיאנטע גזירה נעגען די איינגעוואנדערטע בירגער אין ניו יארק סטייט, אז נאר אזעלכע פון זיי זאלען מעגען וואטען וועלכע קענען לעזען און שרייבען ענגליש, איז היינט דורכגעפאלען ביי דער קאנסטיטושיאנעל קאנווענשאן. דער "ליטעראסי טעסט" איז דערהרגעט געווארען און אלע דעלעגאטען גיבען צו אז דאס איז געשעהען א דאנק די ווארנונג פון דער אידישער, דייטשער און איטאליענישער פרעסע, אז אזא מין געזעץ וועט בעטראכט ווערען פאר דער ערגסטער בעליידיגונג.

די רעדע פון לואיס מארשאל אז די מיליאן אידען פון ניו יארק וועלען אזא געזעץ בעטראכטען פאר א מיאוסען פאטש אין פנים, האט געהאט די געוואונשטע ווירקונג. די פיהרער פון דער רעפובליקאנער פארטיי האבען זיך דערשראקען און היינט ווען די לעצטע אבשטימונג איז פארגעקומען האבען א סך רעפובליקאנישע דעלעגאטען וואס האבען מיטוואך געשטימט פאר דער גזירה, האבען יעצט געשטימט געגען דעם. די רעפובליקאנער דעלעגאטען האבען ניט געפאלגט די עצה פון בארנס, דער רעפובליקאנער באס פון ניו יארק סטייט. זיי האבען זיך צוגעהערט צו עליהו רוט וועלכער ווערט אנערקענט אלס דער גרעסטער נאציאנאלער פיהרער פון דער רעפובליקאנער פארטיי.

דייטשע שיפען באמבארדירען א אינזעל נעבען ריגא.

בערלין אויגוסט 29.

די דייטשע אדמיראליטעט האט פערעפענטליכט פאלגענדען אפיציעלען בעריכט:

מיטוואך אבענד האט איינער פון אונזערע קליינע קרייצערס באמבארדירט די רוסישע סיגנאל סטאציאן אויף דעם אינזעל ראגא צו צפון זייט פון דער ריגער ים בוזעם.

צו דערזעלבער צייט האט נאך א קליינער דייטשער קרייצער באמבארדירט א צווייטע רוסישע סיגנאל סטאציאן אין אנדרעאסבורג, אויף דעם זעלבען אינזעל.

געלד געשיקט

דער "אידישער זשורנאל" שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס

דער פרייז פון היינטיגען טאגעס קורס:

36 סענט 36

פארן רובעל

מר. ה. וויינבערג, דער ארויסגעבער פון "זשורנאל" מיינט בלויז די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

MELVILLE-DAVIS CO., 24 Toronto St., Main 2010--דארפט איהר מערדידזש לייסענס, סיטיזענס פייפערס, שיפס-קארטען דאן קומט צו

דאס יוניאן לייבעל
אין
אידישען זשורנאל

נאכדעם, וואס מען רופט אין ענגלישען "רער טייפ" און אפיציעלע פראצעדורען וועלכעס האט גענומען וואכען און וואכען, האבען מיר געקראגען דאס יוניאן לייבעל, וועלכעס מיינט דאס דער "אידישער זשורנאל" בעשעפטיגט ביי דער צייטונג און איהר דרוקעריי בלויז יוניאן לייט.

עס איז אלזא די פפליכט פון אלע אידישע יוניאנס און אלע ארבייטער ארגאניזאציאנען און סאסייטעס וועלכע האבען ארבייטער אלס מיטגליעדער, איז עס זייער פפליכט צו געבען זייערע דרוק זאכען צום אידישען זשורנאל.

מיר פערשפרעכען אויך צו טהון אונזער בעסטעס זיי צופריעדען צושטעלען מיט דער ארבייט, ווי אויך מיט דער פרייז.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. (11)

גיט אייערע דרוק ארבייט אין
אידישען זשורנאל
טהוט עס אלס טאראנטאר אידען, אלס ארבייטער און אלס יוניאן לייט.

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערענטען א הויז קארנער קענזינגטאן און סיינט פעטריק. 11 רומס אלע קאנוויניענס. רענט $26. פרעגען 1 קעמערן סטריט ד הימעל.
3471—8—30

פארזאמט ניט ! 6 רומס מיט סטים היטינג אלע קאנוועניענס נייע אויפגעפיקסט. ביליגסט רענט. פרעגען 42 וואלטאן סטריט
3468—30—8

פערענטען 268 פארלאמענט סט. סטאר און זעקס רומס קאנוועניענס עלעקטריק, גרויסער סטייבעל, פרייז 20 דאלאר, פרעגען 255 קינג איסט, טעלעפאן מיין 3844
3470—8—30

צו פערקויפען פארניטשור פון א הויז. 196 אגוסטא עווע.
3463—2—9

פערלאנגט א פענטס פרעססער אויף פיינע קאסטאם ארבייט. סטעדי דזשאב צום ריכטיגען מאן.
מ. דזשייקאבס 499 עדלייד סט. וועסט
3465—30—8

צו פארענטען א 6 רומיג הויז $10.00 א מאנאט. נאכפרעגען 139 סענטער עווענו.
3434—9—14

צו פערענטען א הויז 9 רומס אלע קאנוועניענס אין בעלוויא פלייס ביליג רענט. נאכפרעגען 66 בראנסוויק עוו. טעלעפאן קאללעדזש 4932.
3445—8—30

ענגעס אפארטמענטס צו פארענטען 3 רומס $14, 4 רומס $16 פרעגען ד. דייווים 212 סימקא סט.
3472—31—8

צו פערענטען א קאטידזש אלע קאנוועניענס א גאראדזש פאר איין אויטאמאביל 28 פאלמערסטאן עוו. נאכפרעגען 28 טעקאמסע סטריט.
3473—8—31

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס אין 119 פארטלאנד סט. 18 דאלאר רענט. נאכפרעגען אין 135 פארטלאנד סט.
3486—8—31

צו פארענטען 2 רומס אלע קאנוויניענס, 224 סימקאָ סטריט. מיין 3015.
3487—8—30

צו פערענטען א פלעט פון 4 רומס ביליג רענט. פרעגען 30 ראבערט סטריט אדער מר. ראזען אין אפיס פון זשורנאל.
3458—9—12

וועגען אברייוע

איין ביזנעס ביליג צו פערקויפען 150 דאָר. טראגט גרויסען פראפיט. קען זיך אינערגעבען בלויז א פאאר שטונדען א טאג. באקס 425.
3436—8—30

צו פערענטען א הויז ביליג רענט אין 62 בעלוויו פלייס אלע קאנוועניענס.. נייע דעקארעטעד. נאכפרעגען 97 וויליאם סט.
3449—9—1

צו פערענטען א פלעט פון 4 רומס אלע קאנוועניענס סינק, סעפערעט געז. נאכפרעגען 63 יורק סט.
3454—8—30

צו פערקויפען א בוטשער און פרוכט סטאר פאר א ביליגע פרייז, אלע קאנדישאנס שרייבט צו זשורנאל באקס 460 און אין א גוטען געגענד.
3425—2 —,

צו פערדענטען 671 קווין סטריט וועסט נעקסט פון באטהורסט א סטאר מיט א וואהנונג מיט א סטייבעהל און אלע קאנוויניענס פאר 25 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען וויינבערג אין אידישען זשורנאל אפיס.

צו פערענטען א קאטעדזש אין ריער אף סימקא. 5 רומס. קאנוויניענס. 10 דאלאר.
פרעגען מר. דייווים 212 סימקאו סט.
.3499—1—9

פערלאנגט עקספירענס הויזען אפרייטארס, פינישערס און פרעססערס

נאכפרעגען קעפיטעל ברענד טראוזשערס א. לעמפערט 80 טשעסנאט סטריט
3490 8 31

פערלאנגט איין פויר קאטער אונד בלאקער ביי מיסטער יעווין 264½ יאנג סט.

פערלאנגט גוטע אפערייטארס צו סקוירטס און דרעסעס, נאכפרעגען דזשוניאר ענד מיסעס קאסטיום קא. 217 ריטשמאנד סט. וועסט.

עקספרעסען און שווערע וועגענס. ווי אויך פוירסט קלעס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלגרייווס ליווערי 11 גרענרוש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס. ביליג רענט צו א קליינע פאמיליע. נאכפרעגען 199 בראנזוויק עוו.
3428—8—31

פיינטינג און פייפערהיינגינג.
מיר פייפערן און פיינטען א רום פאר $2,00 מיט אונזער אייגענעם מאטעריאל. האפמאן ענד קא. 183 מעקאל סטריט.
3358—8—30

איך מאך די בעסטע שייטלען צו $5.00 מר. רובין 125 טשעסנאט סטריט.
3462—9—1

פערלאנגט איין גוטען בלעכער 144 סימקא סטריט.
3395—8—31

פערלאנגט א מיידעל גלייך ביי די וואך אדער מאנאט מיסעס פייפערניק 15 סיסעל סטריט. טעלעפאן קאללעדזש 4897
3475—8—31

איך פייפער און פיינטע א רום פאר $1.50 גרינבלאט, 165 טשעסנאט סט.
3476—9—3

נייען און פרעסינג מאשינס צו פערקויפען אויך טישען סטאר פיקטשורס שפיגלען זעהר ביליג. נאכפרעגען 320 בעטארסט סטריט.
3478—8—31

פינישער פערלאנגט פיר קלאוקס. נאכפרעגען אידיאל קלאוק אונד סוט קא. 50 יארק סטריט 7טער פלאר.
3484—8—30

פערליינגט

פינעשערינס, אפרייטארינס פיר דרעסעס פרעגען מ. פישער און קאמ. 132 ריטשמאנד סט. וועסט

עקספיריענסד אפערייטארס און פינישערס פיר פענטס. זיך מעלדען אין 111 אדעלייד וועסט, טאפ פלאאר.
3496—9—5

פערלאנגט א בארבער, סטעדי דזשאב. נאכפרעגען 39 אנדערסאן סטריט.
3498

פערלאנגט א קאטער פאר קעפס און אפערייטארס אין 214 קינג וויליאם סט. האמילטאן אנטעריא
3497—5—31

פערלאנגט פינישערינס, אפרייטארינס פאר דרעסעס פרעגען מ. פישער און קאמ. 132 ריטשמאנד סטריט וועסט.
3494—5—30

א גוטע געלעגענהייט פיר א מענשען צו אינוועסטען עטליכע טויזענד דאלאר אין א גוטען געשעפט וועלכער עקזיסטירט איבער 53 יאהר אין טאראנטא א טשאנס צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, נור פערזענליכע פערזאנען זאלען זיך מעלדען שריפטליך צו באקס 724 פאסט אפיס טאראנטא. אלע אינפארמאציאנען וועלען אייך געגעבען ווערען.
3945—5—31

טענדערס פאר דרעדזשינג

פערזיגעלטע טענדערס אדרעסירט צו די אונטערגעצייכענטען און ענדארסירט "טענדער פאר דרעדזשינג, פארט וויליאם אנטעריא" וועט ערהאלטען ווערען ביז 4 אוהר נאכמיטאג דיענסטאג אויגוסט דעם 3טען 1915 פיר דרעדזשינג פער אריינפאהר פון קאמיניסטיקוע ריווער, פארט וויליאם אנטעריא.

די טענדערס ווערען נור דאן קאנסידערירט ווערען ווען זיי וועלען זיין געמאכט אויף די ספעציעלע פארמס פון דיעזען דעפארטמענט אונד אונטערשרייבען מיט דער אריגינעלער אונטערשריפט פון טענדערער.

קאמבינירטע ספעציפיקאציאנען און פארמס פון טענדער קענען בעקומען ווען מאכענדיג אן אפליקיישאן צום סעקרעטארי פון דעפארטמענט פון פאבליק ווארקס, אטטאווא. די טענדערס מוזען ענטהאלטען די פלאנס פון דער ארבייט.

די דרעדזשעס און אנדערע פלאנטס וועלכע איז פארעכענט צו מאכען די ארבייט מוזען זיין רעדזשיסטרירט אין קאנאדא אין דער צייט ווען דיעזער טענדער איז צוגעשיקט צום דעפארטמענט אדער נאכדעם ווי דער טענדער וועט ערהאלטען ווערען.

יעדער טענדער מוז בעגלייטעט ווערען מיט א מארקירטען טשעק פון א געטשארטערטע באנק, געצאהלענדיג צום ארדער פון האנארייבעל מיניסטער פון פובליק וואורקס פיר 5 פער סענט פון קאנטראקט פרייז, און קיין טשעק זאל ניט זיין ווייניגער ווי $1.500 וועלכער וועט צוריקגעהאלטען ווערען אויב דער יעניגער וואס טענדערעט וועט ניט טהון די ארבייט נאכדעם ווי ער וועט דעם קאנטראקט ערהאלטען אויב דער טענדער וועט ניט אקסעפטירט ווערען וועט דער טשעק צוריקגעשיקט.

דיעזער דעפארטמענט האלט צוריק די רעכטע וועגען אקסעפטירען די קלענטע טענדערס אדער גרעסטע.

ביי ארדער
ר. ס. דעסראשערס, סעקרעטערי
דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס.

ציימונגען וועלען ניט בעצאהלט ווערען פיר דיעזען אדווערטייזמענט אום זיי וועלען עס אריינשטעלען אהנע אינסטרוקציאנס פון דיעזען דעפארטמענט.
—84489

די שעהנע רבקה

אן אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישען לעבען
אין רוסלאנד און קענעדע

געשריבען פארן "אידישען זשורנאל"

פון ב. בּאראַץ

(84־טע פארטזעצונג.)

רבקהלע איז מיט דער ערשטער קאר אוועקגעפאהרען צו בענין אהיים צו זעהען זיין מוטער, ווי זי האט מיט איהם אבגערעדט, שבת ווען זי איז דארטען געווען, רבקהלע האט געוואוסט, אז עס איז נאך אביסעל צופריה, אבער זי האט געדענקט, אז ביז זי וועט קומען, און צוגעהן פון דער קאר ביז צו זייער הויז, וועט נעהמען גענוג צייט און דאן וועט זי אין הויז קיינעם ניט טרעפען חוץ דער מיסעס בלומגארטען.

רבקהלע איז אבער אנגעקומען אהין צו פריה. אלע זענען נאך דארטען געווען אין הויז. בעני מיט'ן פאטער זיינען נאך אין שאפ ניט אוועקגעפאהרען. זי האט עס געזעהען פון דעם, וואס זייער אויטאמאביל איז נאך געשטאנען ארום סטיהר. רבקהלע האט זיך דעריבער פארקערט אין דער צווייטער זייט און האט גענומען ארומשפאצירען ארום ברעג פון טייך, ניט האבענדיג וואס צו טהאן האט זי מיט די פיס געשארט די שטיינדלאך וועלכע זענען געלעגען ארום ברעג, אין וואסער אריין.

יעדער וויילע האט זיך רבקהלע אבגעקעהרט צו זעהען, אויב דער אויטאמאביל איז שוין אבגעפאהרען.

רבקהלע האט שוין מעהר ניט געטראכט וועגען איהר מוטער און אויך ניט וועגען דעם וואס גערשון האט איהר דערצעהלט. אין קאפ זענען איהר קיין געדאנקען ניט געקראכען. איהר מארך האט זיך ענטזאגט צו דענקען. פון די פיעלע געדאנקען, וואס זי האט געהאט אין קאפ, איז דארט געווארען א מיש־מאש, אז זי האט גארנישט געוואוסט.

ארומשפאצירענדיג ארום ברעג טייך א שטונדע צי מעהר, האט רבקהלע ענדליך דערזעהען ווי פון הויז איז ארויס בעני מיט'ן פאטער, האבען זיך אריינגעזעצט אין אויטאמאביל און זענען אוועקגעפאהרען.

רבקהלע האט זיך גלייך געלאזען געהן צום הויז. מיט א קלאפענדער הארץ איז זי צוגעגאנגען צום טיהר און האט א רונג געטהאן די בעלל. דאס הארץ האט איהר אויסערגעוועהנליך שטארק אנגעפאנגען צו קלאפען, ווען זי האט דערהערט טריט. זי האט זיך מיט ביידע הענד צוגעהאלטען ביים הארצען, ווי וועלענדיג פערהיטען דאס הארץ זאל ניט ארויספאלען. זי האט זעהר שווער געאטהעמט, און איהר ברוסט האט זיך שנעל בעוועגען.. אויף איהר געזיכט האט מען געקענט בעמערקען, אז זי איז שטארק צושראקען, איהר פנים איז געווען שטארק בלאס, דאס גאנצע בלוט איז פערשוואונדען פון איהר באקען.

סאניטשקא אליין האט געעפענט די טיהר. זי האט ווייזט אויס, רבקה'לען ערוואַרטעט, און דערזעהענדיג זי, האט איהר סאניטשקא אבגעגעבען א גאנץ שעהנעם „גוט מארגען"

רבקה'לען האט אבער געפעהלט אטהעם צו ענטפערען איהר. זי האט בלויז א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

סאניטשקא האט עס בעמערקט, זי האט גלייך גענומען רבקה'לען אונטער'ן האנד און האט זי אריינגעפיהרט אין דיינינג־רום.

„זיצט, האט סאניטשקא געזאגט, אוועקזעצענדיג רבקה'לען אויף א שטוהל איהר האט זיך געוויס פערמאטערט, געהענדיג. עס איז טאקע גאנץ ווייט פון קאר ביז צו אונזער הויז. טהוט זיך אויס מאכט זיך בעקוועם. דערביי האט סאניטשקא אליין אראבגענומען רבקה'לעס העט פון איהר קאפ און האט זי אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. לויט היינטיגען פריהמארגען ווייזט אויס, אז עס וועט זיין א גאנץ הייסער טאג, האט סאניטשקא ווייטער גערעדט, און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס מען קען זיך פערמאטערן געהענדיג".

רבקהלע האט נאך אלץ קיין ווארט ניט געקענט ענטפערען. עס איז איהר עפעס געווען אזוי טרוקען אין האלז, אז זי האט דעם מויל ניט געקענט עפענען.

„אללרייט, האט סאניטשקא פארגעזעצט. פריהער פאר אלעם וועלען מיר עפעס עסען ברעקפעסט. איהר האט געוויס פערלאזען דאס הויז נאך בעפאר ברעקפעסט. דערביי האט סאניטשקא אנגעקלינגען און עס איז גלייך אריין א דיענסט. סאניטשקא האט איהר געהייסען סערווירען ברעקפעסט פאר צוויי. זי האט איהר אויך געפרעגט אויב די קינדער זענען שוין אויפגעשטאנען. אויף וואס די דיענסט האט געענטפערט, אז ניין. זי האט איהר אנגעזאגט, אז די קינדער ווען אויפשטעהן זאל זי זיי געבען ברעקפעסט ביי זיי אין צימער, ווייל זי וויל ניט געשטערט ווערען.

ווען די דיענסט איז ארויס, האט סאניטשקא ווידער אנגעפאנגען צו ריידען צו רבקה'לען.

"דא איז פיעל קיהלער און בעקוועמער, איידער אין שטאדט, דענקט איהר ניט ?"

„יא !" האט רבקה'לע געענטפערט.

רבקה'לע האט זיך אליין דערשראקען פאר איהר שטימע. די שטימע איז עפעס געווען אזוי טרוקען און הייזעריגלאך אז עס איז איהר געווארען פראטיוונע. זי האט גענומען שלינגען דאס שפייעכץ פון מויל ווי זי וואלט דערמיט געוואלט נאכמאכען איהר גארגעל.

סאניטשקא האט עס אלעס געזעהען און האט פערשטאנען אז רבקהלע פיהלט זיך עפעס ניט גוט. זי האט איהר דעריבער מעהר ניט געבאדערט און האט שווייגענדיג זיך גענומען פארען ביים טיש, ברענגענדיג אין ארדנונג איינינע זאכען, כאטש אלעס איז געווען אויפ'ן פלאץ פונדעסטוועגען האט זי איבערגערוקט אדי טישטעך פון טיש, אויפגעהויבען יעדער טעלער וואס עס איז געשטאנען אויפ'ן טיש און האט עס צוריק געשטעלט אויפ'ן זעלבען פלאץ. זי האט זיך מיט דעם אזוי לאנג ארומגעבאדערט ביז די דיענסט האט אריינגעטראגען דאס עסען, און האט עס אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

סאניטשקא האט צוגערוקט איהר שטוהל צו רבקה'לען און האט איהר גענומען דערלאנגען און צורוקען צו איהר דאס עסען, זי האט איהר געקוקט אין די אויגען ווי א מוטער א קינד און מיט דער גרעסטער צערטליכקייט האט זי איהר געבעטען זי זאל עסען.

„עסט ! עסט ! האט סאניטשקא געזאגט, שעהמט זיך ניט עס איז פונקט ווי ביי אייך אין דער היים".

ניט וועלענדיג האט רבקהלע גענומען עסען כאטש עס איז איהר אין האלז ניט געקראכען. זי האט אויסגעטרונקען א האלבע גלאז קאפע און האט מעהר ניט געוואלט טרינקען. וואס סאניטשקא האט זי ניט צובעטען, זי זאל נעהמען עטוואס עסען, האט זיך רבקהלע ענטזאגט.

רבקהלע האט שוין געוואלט דאס עסען זאל זיין פאריבער, און זי זאל קענען אנפאנגען צו ריידען מיט סאניטשקאן, אבער ווי אויף צו להכעיס האט זיך דער ברעקפעסט געצויגען אהן אנאויפהער. סאניטשקא האט זיך גענומען צייט און האט גענגעסען גאנץ לאנגזאם. ענדליך האט זיך דער ברעקפעסט געענדיג, און סאניטשקא האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און האט אריינגערופען רבקהלען אין פארלאר.

רבקהלע האט ניט געהאט דעם מינדעסטען פערדאכט צוליעב וואס פאר א צוועק סאניטשקא האט זי איינגעלאדען, און וואס זי וויל מיט איהר ריידען. זי האט אבער געפיהלט אז א גאנץ וויכטיגער מאמענט קומט אן, און דאס זי דארף זיך שטארקען און זיין גאנץ פארזיכטיג זיך ניט צו פערראטהען מיט קיין ווארט, ווארום טאמער האט טאקע גרשון אויפגעפיהרט א אינטריגע, קען זי זיך פערראטהען מיט איהר געהיימנים און עס קען פיליכט קומען צו אונאנגענעהמליכקייט צווישען איהר און בענים עלטערן. זי האט זיך דעריבער צוריקגעהאלטען פון צו ריידען א ווארט און האט געווארט סאניטשקא זאל אנפאנגען.

סאניטשקא האט זיך געמאכט גאנץ בעקוועם אין אן ארם שטוהל און האט אוועקגעזעצט רבקה'לען אויף א שטוהל ארום זיך.

זיצענדיג א וויילע שטיל האט די ערשטע אנגעפאנגען צו ריידען סאניטשקא.

„איהר ווילט געוויס וויסען צוליעב וועלכען צוועק איך האב אייך אהער גערופען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל דאס איהר שטויסט זיך אן אביסעל אבער איך וויל ניט איהר זאלט זיין א טרעפעריין, נור איך וועל עס אייך גלייך זאגען."

„אזוי ווי איהר ווערט מיין בענעלעס כלה און מיין צוקונפטיגע שנור, וואלט איך זיך געוואלט מיט אייך נעהענטער בעקענען, אבער איהר זאלט חלילה ניט מיינען אז איך זוך יחוס פון אייך אדער רייכטהום, איך ווייס אז איהר זענט אן ארימע שאפ מיידעל, אבער דאס איז ביי מיר קיין חסרון ניט. וואס איך מיין איז צו בעקענען זיך מיט אייך, וויסען וואס פאר א כאראקטער איהר בעזיצט, אין דער זעלבער צייט וועט איהר אויך האבען א געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט אונז און אויסגעפינען וואס פאר א מענשען מיר זענען, און איהר קענט נאך אמאל פיליכט אויסגעפינען, אז מיר וועלען אייך ניט געפעהלען.

„אמת איז, אז איהר וועט חתונה האבען מיט בענין און ניט מיט אונז, אבער איך גלויב, אז עלטערן שפיעלען א גאנץ גרויסע ראלע אינ'ם גליק פון זייער קינד. איבערהויפט א מוטער, ספעציעל איך, ווייל איך נעהם א גרויסען אינטערעס אין מיין בענין, ער איז מיין איינציגער און עלטסטער זוהן."

סאניטשקא האט גערעדט געלאסען און גאנץ ליעבליך.

פאר רבקה'לען זענען איהרע ריייד געווען ווי א באלזאם צו איהר פערוואונדעטעם הערץ. פאר איהר איז גענוג געווען צו הערען דאס זי ווערט פערעכענט אלס בענים כלה און זי האט זיך אין גאנצען פערגעסען אן דעם הויפט צוועק פון איהר קומען אהער. זי האט גענומען פאנטאזירען פון איהר צוקונפטיגען לעבען מיט בענין און ווי גליקליך זי וועט זיין מיט איהם. אין די עטליכע מינוטען וואס סאניטשקא האט גערעדט האט רבקה'לע אויפגעבויעט א סך לופט שלעסער. זי האט זיך פארגעשטעלט ווי זי וועט חתונה האבען פאר בענין, וואס פאר א היים זי וועט זיך איינפיקסען ווי זי וועט ליעב האבען איהר בענין, ווער וועט צו איהר גלייך זיין. נאך דער חתונה וועט זי זיך שוין ניט שעהמען און וועט איהם ליעב האבען שטארק... שטארק. זי האט זיך אויך געזעהען ווי אלע שאפ־מיידלאך זענען איהר מקנא אויף איהר גרויסען גליק וועלכען זי האט געכאפט. רבקהלה האט דערביי אזש א שמייכעל געטהאן. זי האט זיך פארגעשטעלט אין די געדאנקען מיט וואס פאר א אויגען די שאפ־מיידלאך וועלען קוקען אויף איהר. איבערהויפט „ראזי". זי האט זיך דערביי אויף דערמאהנט אויף די שטעכווערטלאך וועלכע ראזי האט איהר געזאגט פאהרענדיג אויף דער קאר שבת ביינאכט, אבער זי איז אויף איהר דערפאר ניט אין כעס. פערקעהרט, זי וועט נאך בעטען בענין, ער זאל מאכען ראזען פאר א פאר־ליידי, געבען איהר א רייז און זאל דעם געשטופעלטען פארמאן אין גאנצען ארונטערשיקען.

רבקהלעס פאנטאזיעס זענען אבער מיט אמאל איבערגעריסען געווארען, ווען סאניטשקא האט פארטגעזעצט: „איך וואלט זעהר געוואלט וויסען ליעבט איהר ווירקליך מיין בענין ?"

רבקהלע איז שטארק רויט געווארען און האט פערשעמטערהייד ארונטערגעלאזען די אויגען צו דער ערד.

(פארטזעצונג פאלגט.)

קעפמייקערס יוניאן.

איין ספעשעל מיטינג וועט אבגעהאלטען ווערען מאנטאג דעם 30 ד. מ. אין 194 בעווערלי סטריט.

צווישען פיעלע וויכטיגע פראגען וועלכע מיר האבען צו פערהאנדלען, וועט אויך דיסקוטירט ווערען די פראגע וועגען קאנגרעס. ספעציעלע לייטע זענען איינגעלאדען פאר דיעזער דיסקוסיאן. קיין איינציגער מעמבער טאהר נישט פערפעלען דיעזע העכסט אינטערעסאנטע דיסקוסיאן.

עס וועלען אויך אנוועזענד זיין ביי דיעזען מיטינג אייניגע דעלעגאטען פון טרייד און לייבאר קאונסיל.

קומט אלע אין צייט.
די קעפמייקערס יוניאן לאק. 41.

וויכט'ג פיר די אידען
פון די וועסט ענד

זא ווי פלייש איז געווארען ביליגער, נאר ליידער האט איהר נאך ניט דעם בענעפיט פון דעם, ווייל אפילו ווען מען זאגט אייך צו צו געבען ביליגער, אבער מען גיט אייך ניט. מען גיט אייך קיין גוטע פלייש, נאר קאפ פלייש און ביינער. אום אייך צו געבען א געלעגענהייט, אדווערטייזען מיר פאר 9 סענט א פונט די בעסטע פלייש, פריש, יעדען טאג געקוילעט, ניט קיין קאפ פלייש און ניט קיין פיס, נאר גוטע, פרישע פלייש.

מיר קויפען די פלייש פון די שלאכטהייזער וואס די רבנים זאגען גוט פאר דעם.

מיר בעטען אייך אונז צו פאטראניזען און מיר ווינשען אייך א כתיבה וחתימה!

געדענקט דעם אדרעס:
סאקאלאוויטש 76 ארטהור סטריט.

ווי אויך קענט איהר ביי אונז בעקומען צו יעדער צייט, טשיקענס און עגס.

ארדערס ווערען דעליווערט אין יעדע פארט פון סיטי צו די ביליגסטע פרייזען.

דאס ווייסע פערד

פון נ. פראנק.

גלוסט זיך אמאל ניט צו לייענען קיין צייטונג, און ס'ווילט זיך א ווילע פון קאפ ארויסשלאגען די מלחמה מיט איהר רויטען טשאר, קען מען אליין פון איהרע נעגעל ניט אנטלויפען

נעהט פערביי א פריש געווארענער בעל־מום און דערמאהנט אייך ווידער אן איהר, פאהרט פערביי א ווייסער פערד און דערמאהנט אייך ווידער אן איהר.

צו די פערוואונדעטע איז מען שוין אביסעל געוואוינט. דאס אויג זעהט זיך אן מיט זיי אזוי פיעל, אז זי גליטשט זיך שוין אפט איבער זיי אריבער. דאס ווייסע פערד אבער איז אויף אזוי פיעל מערקבאר, אז זי ציהט נאך צו אונזער אויפמערקזאמקייט.

איך דערקען אז ס'איז מלחמה אן די ווייסע פערד.

כמעט אלע פערד זענען ווייס! האבען זיי זיך — ווי די דאמען להבדיל — אבגעפודערט? איז עס איצט אזא מאדע אין פאריז? טראגען זיי יוניפארם האט מען זיי אויסגעטהון די העמדלעך צוליעב שעהנקייט אדער קיהלקייט וועגען?

א ווייסער פערד קומט מיר אוים ווי א נאקעטער.

* * *

שעהן און צארט איז דאס ווייסע פערד אדער "דער שימעל" ווי מען רופט איהם אויף אונזער ליטווישען דיאלעקט.

שוין פון קינדרוויז אן איז דער שימעל פערקניפט מיט די שעהנסטע און אנגענעהמסטע זכרונות. אויף, ניט קיין שיינעם יחוס, רייט דאך א דראגונער, זאקאנטען־קאמאנדע".

[illegible] און ווער פון אונזערע חברה האט [illegible] אמאהל ניט גע'חלום'ט פון צו ווערען א מוזיקאנט? טרו, טרו, אך, ווי דער פערכשופ'טער טרומייט שאלט אין די אויערען! בלויז ביי זיין עראינערונג פערבויגען זיך די הענד ווי א שופר און ביידע באקען בלאזען זיך אן! נאפאלעאנ'ס ליעבלינגס־פערד איז געווען א שימעל, און די אידישע מיסטיש־רעליגיעזע לעגענדע האט זיך אויסגעדיכטעט אז משיח וועט קומען אויף א ווייסען פערד...

און ענדליך דערמאהנען מיר אויך דעם אלטען אונפערגעסליכען פערד „באטאי" וואס זאלא האט מייסטערהאפט אויסגעקריצט אין זיין אונשטערבליכען אולטרא־נאטוראליסטישען „זשערמינאל". „באטאי" געהערט אהן שום ספק צו די שעהנסטע פון די פערד גאלעריי, וואס איז ווען עס איז געמאהלען געווארען אין ווערטער. בעזעלט פון די העכסטע מענשליך־ציטערדיגסטע געפיהלען לײדעט דער פערד און ביינקט ווי אלע מינען־ארבייטער אין דער קראנקער קוילען־סביבה. ער גארט, ביינקט און חלום'ט ווי זיין חבר דער מענש און אפשר נאך שטארקער.

און ווען א יונגערער פערד פון איהם קומט אראב פון דער ליכטיגער וועלט אין גרוב אריין, און טראגט נאך אויף זיך, ווי א וויינטרויב דעם טהוי, דעם פרישען הויך פון דער זון, געהט צו איהם צו „באטאי", קוקט איהם לאנג און מילד אן, בעשניפט איהם פון אלע זייטען, לעקט איהם, גלעט איהם, און אין דער בעריהרונג זעהט ער זיך א ווילע מיט זיין אידעאל, פיהלט ער די זון, די ליכטיגקייט, וועמען ער געדיינקט נאך פון א מאהל, און דער אלטער „באטאי" הירזשעט און וויינט פאר שמחה און טרויער צוזאמען, און זיינע גרויסע מילדע קינדער־אויגען רוהען אויף זיין יונגערען חבר מיט אזוי פיעל אונאויסגעשפראכענעם צער, מיט אזוי פיעל ברידערליכע מיטגעפיהל פונקט ווי ער וואלט א־י נערליך וויינען...

אונפערגעסליכער „באטאי"!

ער איז שימעל, מאדנע: נאך אזוי פיעל יאהרען הארעווען אין דער קוילען־מינע צווישען שווארצע פער'חושכ'טע מענשען, שווארצע פערשווארצענדע קוילען, אין אזא ענגער און דושנער סביבה, איז „באטאי" געבליבען זילבער ווייס....

האט ער דען געקענט אזוי ארויסקומען ווען זאלא זאל איהם ניט האבען בעגאסען מיט זיין גאנצער ליעבע און צארט געפיהל?

* * *

נאר ניט צוליעב שעהנקייט וועגען האט זיך פאריז אויסגעפוצט אין די ווייסע פערד. יעצט איז ניט די צייט פאר אזוינע לוקסוסען. אויך דא דערקענט זיך די מלחמה.

די אנדערע פערד, די קולירטע זענען מאביליזירט גלייך מיט'ן מענשען צו בעשיצען דעם יושר געגען דער אייזענער מאכט, ס'רוב פערד זענען דארט געבליבען וועגען איבערהויפט איינפאך: די ווייסע זענען אין א מלחמה ניט פראקטיש. ס'רוב אטאקעס קומען פאר ביי נאכט ווען דער ווייסער בליאסק קען דיענען פאר א גוטען ציעל דעם שונא.

מ'האט שוין אפילו געזארגט אין די כעמישע קרייזען אז אויך די ווייסע פערד זאלען קענען מקים זיין דיא וועלט — מצוה, מ'האט שוין אפילו אויסגעפונען א כעמישען צוזאמענמיש אבצופארבען דעם ווייסען פויגעל. האט זיך דער ערשטער עקספערימענט ניט איינגעגעבען. ארויסגעפאהרען זענען די סוסים אויפ'ן רעגען אבגעפארבט, צוריקגעקומען זענען זיי ווייס ווי שנעע. די פארב האלט ניט אויפ'ן רעגען.

בלייבען זיי דערווייל ביי זייער "ליבנאטע", און מ'נעהמט זיי פאר קיין סאלדאטען ניט.

ערב זיין אז מ'וועט זיי אויך ווייטער ניט נעהמען קען מען ניט, דאס וואס האט זיך ביים ערשטען אדער צווייטען פרוב ניט איינגעגעבען, קען זיך גרייליך ביים דריטען יא איינגעבען. דערווייל אבער פאהרען ד פערד ארום איבער'ן פאריזער ברוק און באדען זיך אין דער היץ פון דער זון.

און האט איהר אפילו קיין צייטונג פאר די אויגען ניט געזעהן און קיין פערוואונדעטען אויף אייער וועג ניט בעגעגנעט, וואס ס'איז זעהר זעלטען, און איהר ווילט שוין א נאש טהון א שטיקעל פערגעניגען פון די ווייסע פערד וואס ציהען זיך קייט איבער דער אריסטאקראטישער שטאדט פאריז, שטעלט זיך אייך ווי א ביין די מלחמה און איהרע שוידערליכקייטען, און דער אפעטיט פון פערגעניגען פערגעהט אייך באלד.

דאס אליין וואס איהר זוכט אויסצומיידען די מלחמה, דערמאהנט אייך אן איהר....

(פארזעצונג פון פיירוש 4)

פערקויפען ברויט קומען. פאר פערשיעדענע אינצידענטען און אויך קוריאזען. אזא קוריאז, וואס האט דעם בעקער געקאסט גענוג טהייער איז פארגעקומען אויף דער גאס סוו. יאקאוו.

דער בעקער האט צוליעב זיינע אינטערעסען בעדארפט אוועקגעהן אין גאס אריין. זייענדיג אנגעשראקען פון די פיעל פעראורדענונגען, וואס ער האט בעקומען פון דער דייטשער מאכט וועגען ניט ארויסגעבען ברויט אהן די טאלאנען, האט ער פאר'ן אוועקגעהן אנגעזאגט זיין ווייב אז זי זאל קיינעם ניט ארויסגעבען קיין ברויט אהן טאלאנען, זיין ווייב אבער האט געמיינט, אז מיט די טאלאנען אליין קאן מען זיך שוין בענוגענען און מען טאר ביי די קונים קיין געלד נישט פאדערען, ווייל די טאלאנען דארף מען צושטעלען אין אן אנשטאלט, וואו מען וועט שוין בעצאהלען געלד. און אזוי האט זי געטהון. באלד איז אבער אין דער גאנצער געגענד בעוואוסט געווארען, אז אין דער בעקעריי גיעט מען ארויס ברויט אהן געלד. עס איז געווארען א גרויסער אויפגעלויף און מען האט באלד צוכאפט דאס גאנצע ברויט. ווען דער מאן איז געקומען צוריק אהיים, האט ער זיך ארומגעזעהן וואס זיין ווייב האט דא אויפגעטהון, אבער עס איז שוין געווען פערפאלען. קיין געלד איז ניט געווען ביי וועמען צו פאדערען.

אזעלכע פאקטען קומען פאר פיעל. דא גיעט מען ארויס ברויט אהן געלד, דא פערגעסט מען זיך ארויסצוגעבען א גאנצען ראיאן טאלאנען און פיעל בלייבען אין גאנצען אהן ברויט; אין געוויסע קראמען פערגעסט מען זיך צוצושטעלען מעהל און די בעפעלקערונג לויפט מיט א געפילדער צום בירגער קאמיטעט און זיינע סעקציעס. עס טרעפט אבער אויך איצט גאנץ אפט, אז די סוחרים פערקויפען געהיים פונ'ם מעהל, וואס זיי האבען אנגעגרייט און די בעקער פערקויפען געהיים ברויט. און אזעלכע פעלע קאסט ברויט זעהר טהייער.

עס ענטשטעהט די פראגע, וואו וועט די ארימע בעפעלקערונג נעהמען מיטלען אויף צו קויפען ברויט, נאכדעם, ווי זי וועט שוין בעקומען די טאלאנען? ביז'ן 8־טען יוני איז די שטאדט־הלואה גאראנטירט געווארען נאר אויף 5.915.030 רובעל, עס פעהלט נאך אלזא אן ערך פון 4 מיליאן רובעל, און דער בירגער קאמיטעט, אום צו צווינגען די רייכע איינוואהנער אונטערצושרייבען זיך אויף דער הלואה, האט ווידער מודיע געווען איבער אלע זיינע סעקציעס, אז ער שטעלט אב זיין טהעטיגקייט... אין שטאדט שטעהט ווידער פאר א קריזיס און מיט דער לאגע נוצען זיך אויס די דייטשע אגענטען, וועלכע זוכען ארבייטער ארויסצושיקען קיין דייטשלאנד.

א שטארקע אגיטאציע צווישען די ארבייטער, אז זיי זאלען ארויספאהרען קיין דייטשלאנד, פיהרט די דארטיגע „דייטשע לאדזער צייטונג", וועלכע ווערט געשטיצט דורך דער דייטשער רעגיערונג.

אין אן אנדער ארטיקעל ווייזט אן די צייטונג די ארבייטער, אז געוויס איז פאר די פאבריקאנטען נישט געוואונשען, דאס זיי זאלען אויסוואנדערען קיין דייטשלאנד; די ארבייטער דארפען אבער פערשטעהן אז צוליעב'ן מאנגעל אין רויהע מאטעריאלען האט זיך די טעקסטייל־אינדוסטריע כמעט אין גאנצען אבגעשטעלט. די פראבעס צו בענייען די טעקסטייל־אינדוסטריע האבען זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט, ווייל די רויהע מאטעריאלען, וועלכע זיינען נאך געוועזען זיינען רעקוויזירט געווארען. דערביי דארפען די פוילישע א־בייטער געדענקען אז זייער אויסוואנדערונג איז נאר א צייטווייליגע, ביז די נארמאלע לאגע וועט צוריקגעשטעלט ווערען.

די דאזיגע אגיטאציע געפינט אן אבקלאנג צווישען די הונגעריגע און ליידענדע ארבייטער מאסען. און די אויסוואנדערונג פון לאדז געהט אלץ שטארקער. די ארבייטער בעקומען אומזיסטע וואהנונגען (וואהרשיינליך, אין באראקען) און ביז'ן שניט — 2 מארק 20 פעניג און נאך'ן שניט — 1 מארק 90 פעניג. דערביי דארפען די ארבייטער יעדע צוויי וואכען, צו זיי ווילען אדער נישט, אבשיקען אהיים א העלפט פון זייער פערדיענסטע...

ערגער פון אלץ איז די לאגע פון די פאמיליעס פון די זאפאסנע. זינט לאדז איז פערנומען געווארען דורך די דייטשען, האבען די דאזיגע פאמיליעס אויפגעהערט צו בעקומען א זייער געוועהנליכע שטיצע און פאר זיי מוזען דורכאוים זארגען די א־טיגע אנשטאלטען. ביז אהער האט דער בירגער קאמיטעט אויף אויסצוהאלטען די דאזיגע פאמיליעס שוין אויסגעגעבען א סומע פון 200.000 רובעל.

Charles Cotesworth Pinckney
Charles Pinckney

"FRAMERS OF THE CONSTITUTION OF THE U.S.A." NO. 8

The Pinckneys—"Fathers of the Republic"

PERHAPS South Carolina's best gift to this Free Republic was the splendid services of her two great sons—Charles Cotesworth Pinckney and Charles Pinckney. It can truthfully be said of the Pinckneys that their love of honor was greater than their love of power, and deeper than their love of self. One played an important part in the "Louisiana Purchase"—the other, while an envoy to France, was told that the use of money would avert war, and to this replied: "Millions for defense, but not one cent for tribute." Both devoted their eminent abilities toward framing our National Law. The Constitution of the United States, as it stands to-day, was built upon the framework of a plan first proposed by Charles Pinckney. It was he who demanded that it contain freedom of religion, freedom of the press, habeas corpus and trial by jury. In political faith only did these two great men differ. Charles Pinckney was an ardent Democrat, and Charles C. Pinckney a loyal Federalist, and was twice a candidate for President. It is easy to imagine the horror that these two great lovers of Personal Liberty would have expressed if shown the proposed Prohibition Laws of to-day. It is needless to say that if alive they would VOTE NO to such tyrannous encroachments upon the NATURAL RIGHTS OF MAN. The Pinckneys both believed in the moderate use of light wines and barley brews. They also believed in legislation which encouraged the Brewing Industry because thev knew that honest Barley Beer makes for true temperance. For 58 years Anheuser-Busch have been brewers of honest Barley-Malt and Saazer Hop beers—the kind the Pinckneys knew to be good for mankind. To-day their great brand—BUDWEISER—because of its quality, purity, mildness and exquisite flavor, exceeds the sale of any other beer by millions of bottles; 7500 people are daily required to keep pace with the public demand for BUDWEISER.

ANHEUSER-BUSCH · ST. LOUIS, U.S.A.



Visitors to St. Louis are courteously invited to inspect our plant—covers 142 acres.

R. H. Howard & Co., Distributors
Toronto, Ont.

Budweiser
Means Moderation

CUNARD
עטאבלירט 1840.
אייראפא דורך ליווערפול
עטאבלירט 1840.
אייראפא דורך ליווערפול

סאקסאניא מיטוואך סעפט. 8טען 10 אוהר מארגענס.
ארדונא שבת סעפט. 25טען 10 מארגענס
*טוסקאניא פרייטאג אקטאבער 1טען 5 נאכמיטאג.
סאקסאניא שבת אקט. 9טען 10 מארגענס
ארדונא שבת אקט. 23טען 10 מארגענס.

רייזען ארום דער וועלט.
דורך ראטען צו אלע הויפט פארטען פון דער וועלט.

פאר אינפארמיישאנס זיך ווענדען קונארד סטימשיפ קאמפאני, לימיטעד, 21—24 סטייט, ניו יארק.

אדער א. פ. וועבסטער און סאן גענעראל אגענטען 53 יאנג סטריט, לואיס גוראפסקי, 113 קווין סט. וועסט, ל. ראטענבערג און סאנס 141 קווין וו. י. גארפונקעל 117½ קווין סטריט וו.

CANADIAN PACIFIC STEAMSHIPS

פון ליווערפול		פון מאנטרעאל
אויג. 23	מעטאגאמא	. . . .
אויג. 20	מיססאנאביע	סעפט. 4
אויג. 27	מעטאגאמא	סעפט. 11
סעפט. 24	מיססאנאביע	אקט. 9

איינצעלהייטען פון וועלכער עס איז ריילוויי אדער סטימשיפ איידזשענט, אדער שרייבט מ. ג. מורפי, דיסטריקט פעסענדזשער איידזשענט ס. איסט קאר. יאנג סטריט, טאראנטא.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנאווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד	געהט אב 7.25 נאכמיטאג	טעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאסטרעא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט רזשאהן, די סידניס פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט
51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

טאראנטאר אידען
סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד
TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנייזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ווי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלעפאנירען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.

מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז ארעלייד 1545 און אין אפיס ארלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מעררידזש לייסענס פריי

לעזט דעם
אידישען זשורנאל

כשר און ביליג און גוט
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסעריס און אייזקרים פראלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארס ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט און קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארס: וואורשט, וויינערס, קארענדביעף, באלאגע
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. 1559

דר. מ. פיווניק
.·. דענטיסט .·.
קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן ארעלייד 4067
באנק אף האמילטאן בילדינג
Dr. M. PIVNICK B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייוויס
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינוועסטיגיישאן.
350 קאלידז סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited
פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמפ 30 פונט — 75 סענט. ראף טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.
291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

דייאנא סוויטס
„די סטאר פון קוואליטעט"
די שעהנסטע און ראיעלסטע אייז קרים פארלאר אין טאראנטא
הייסע געטרענקע צו יעדער צייט.
דעם גרעסטען אויסוואהל פון אלערליי חיימיש געמאכטע טשאקאלאדעס און קענדיעס.
153 יאנג סטריט

סטאוום, ריפערינג, און פוירניסעס — צו ביליגע פרייזען
מאסאם גאז און קוילען רענדזשעס
WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

$50 לעהרע פאר $35
פאר'ן חודש דזשון. לערנט זיך דעם בארבער טריד און זייט זיכער מיט בעשעפטיגונג.
שרייבט פאר איינצעלהייטען:
מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין סטריט איסט.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

קאנטאר וולאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געוועזן.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק
מוהל
און דער מאדערנסטער
מסדר קדושין אין טאראנטא

איז
קאנטאר וולאדאווסקי
רופט מיך און איבערציינט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

י. ראזען
האט געמופט פון 208 אין 30 ראבערט סטריט.

ווילט איהר א גוטען מוהל וועלכער איז 22 יאהר אין פראקטיס. דאן שיקט נאך חזן מאנאוויטש פון מיכל פאריש שוהל.
טעלעפאן קאלעדזש 2033
— פריוועט אדרעסע —
איך וויל בעקאנט מאכען דאס ווערטהע פובליקום דאס איך האב געמופט אין 233 בעווערלי

MEET ME AT THE FIRESIDE Strand YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM
MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

מאנטאג, דיענסטאג און מיטוואך.
נעפטונס טאכטער מיט אנעט קאלערמאן.
דאנערשטאג, פרייטאג און שבת
„דער אייסברייכער".
מיט ארין פענוויק.
מאטינע: 5 — 10
אבענד: 5 — 10 — 15 — 25.

סעפריים רום סיסטעם.
די וויליאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש אגענטס
368 ספעדיינא עוו. טאראנטא אנט.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און גישיפט פון עקספערט לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט.
צונגערעקטע וועגען. פלענטי פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין סטריט וועסט
קארנער קווין און טעקאל סטריט.
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריגען און לע ווערנוא
באררעסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN & LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ערעלייד 1543.

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

הארדוועיר און סאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, נייע פיקטשורס, נייע מענטעלס און גלאובס, עלעקטריק פיקטשורס, פיים סטאוווס, קאלאוויל חימערס, גלאז און קיט (פוטטי) פיינטס און [illegible] א. ז. וו. ביי
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6242

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי — מיין לינגזשערי־וועש בעקומט די בעסטע אויפמערזאמקייט
ער: — יעס און מיינע העמדער און קעלנער בעקומען די שעהנסטע אבארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד
97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 110

א גערעכטער באיקאט

פאראן מאמענטען, ווען די באיקאט בעוועגונג, וואס ענטשטעהט ביי איין גרופע אדער סביבה, געגען א צווייטער גרופע, קען רעכטפערטיגט ווערען, און דארף ארויסרופען סימפאטיע פון איבעראל, דאס איז דאן, ווען דער באיקאט ענטשטעהט אלס זעלבסטפערטהיידיגונגס־מיטעל.

פערדאמט ווערען דארף בלויז יענע באיקאט בעוועגונג ווי דער באיקאט פון די פאליאקען געגען אידען, וואס איז אן אנפאלענדער, און שטעלט זיך מיאוסע שענדליכע צוועקען, ווי דאס ארויסרייסען דאס אידישע ברויט.

די יעצטיגע באיקאט בעוועגונג אבער געגען, דזשארדזשיא וואס קומט אלס ענטפער אויף דעם נידערטרעכטיגען טהאט ווען א פערזאן, וועמען דאס לעבען איז דורכ'ן געזעץ געשאנקען געווארען, איז פון די ארגאנאזירטע דזשארדזשיער בירגער טראץ דעם צו דער תליה געפיהרט געווארען, איז א גערעכטע און עס איז ווערטה בעגריסט צו ווערען. דער פאל וואס אין דער גרויסער אמעריקאנער רעפובליק געפינען זיך דאך שטאאטען וואו די בירגער האבען דעם מוטה אויפצוווארפען דזשארדזשיאס שאנדע, און ענטזאגען זיך צו האבען צו טהאן מיט א שטאאט, וואס בעשיצט לינטשערס.

מיר ווייסען ניט אויף וויפיעל דיעזע באיקאט־בעוועגונג וועט דערגעהנטערען, אז די דזשארדזשיער גערעכטיגקייט, זאל פערקלאגען די לינטשערס פון מאריעטא, און בעשטראפען די שולדיגע אינ'ם טויט פון אונזער מארטירער לעא פראנק. ווען אפילו דאס זאל ניט זיין דער פאל, איז די באיקאט בעוועגונג אויך א ווינשענסווערטהע, ווייל זי פערקערפערט אין זיך דעם פראטעסט געגען אידען־האס, לינטשעריי, און מאב־געזעצען.

וואס שטארקער די באיקאט בעוועגונג וועט ווערען, וואס פאר א גרעסערע פארמען זי וועט אננעהמען, וואס מעהר פירמאס, פערזאנען און גאנצע שטאאטען עס וועלען זיך ענטזאגען צו האבען צו טהאן מיט דזשארדזשיא, וועט עס ניט נאר זיין א פראטעסט געגען דער מיט פראנקס־בלוט בעפלעקטער דזשארדזשיא, נאר דיעזער פראטעסט וועט אויך פיהרען צו דעם, אז די סאוטה זאל זיך ארומזעהן, אויף ווי ווייט, זי איז שוין אוועק מיט די לינטשערייען, און עס אבשטעלען, אבוואשענדיג דיעזען פלעק פון דער פרייער אמעריקאנער פאהן.

וואלט פראנק ניט פערמשפט געווארען צום טויט, וואלט קיינמאהל ניט געקענט פאסירען די פראנק טראגעדיע, און די פראטעסטען געגען דעם שטאאט דזשארדזשיא, וועלכע בעשיצט דעם מאב, איז דארום א פראטעסט געגען טויט־שטראף בכלל, און געגען דער ווילדער לינטשעריי בפרט.

ווען דער ווילען איז דא

די בעפרייאונג פון די אידישע סטודענטען און די יונגע לייט וואס ווילען זיך עקזאמענירען, פון די עקזאמענס וואס פאלען אויס דאס יאהר אום ראש השנה, גיט נאך אמאל א ביישפיעל, אז ווען דער ווילען איז נאר פארהאן, קענען פיעלע זאכען גאנץ לייכט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל די ניט־אידישע וועלט פערשטעהט לייכטער אונזערע קריוודעס, ווי יענער טהייל פון אונזערע אידען, וואס האבען די חזקה אויף צו זיין אונזערע שתדנים.

וואלט נאר ביי אונז דער ווילען געוועזען, וואלט מען גאנץ לייכט געקענט אבשאפען פיעלע געזעצען, וואס ריהרען אונז אן אלס אידען, אדער זיי וואלטען אזוי מאדיפיצירט געווארען אז זיי וואלטען פאר אונז ניט מעהר געוועזען קיין שווערער יאך.

כל זמן די אידען זעלבסט האבען זייער ווילען דערצו נאך ניט אויסגעדריקט, וועט עס די ניט־אידישע וועלט זעלבסט ניט טהאן, און אונזערע אידישע ליבעראלען און קאנסערוואטיווען האבען אנדערע דאגות אויף זייער קאפ, ווי אנצונעהמען זיך פאר אידישע אינטערעסען.

איידער מיר פערלאנגען בעפרייאונג פון דער קריסטליכער וועלט, מוזען מיר זיך זעלבסט בעפרייען פון אונזערע ניט געבעטענע בעלי טובות, און שאפען ביי אונז א פאלקס בעגעהר און פערלאנגען און דאן וואלט אונזער היים אין דעם נייעם לאנד ניט געוועזען קיין גלות־היים פאר שטיף־קינדער, נאר א היים וואו מיר וואלטען אמת'ע רוה געפונען.

תעניתים

פון פעטראגראד קומט די ידיעה, אז דער ,,הייליגער סינאד'' האט פעראָרדענט, אן אלגעמיינעם דריי־טאגיגען תענית איבער גאנץ רוסלאנד, און מיט דעם האפט מען צו דערגרייכען א זיעג איבער'ן שונא.

דיעזע ידיעה וואלט געמעגט ארויסרופען א שמייכעל אויף די ליפען, ווען די געשיכטע וואלט ניט זיין אזוי טראגיש, טראגיש פאר די פעלקערשאפטען וואס בעוואוינען רוסלאנד.

מיט עטליכע וואכען פריהער, האבען די רוסישע קריעגס־פיהרער זיך פערלאזט, אז זיי וועלען זיעגען אין דער מלחמה, דורך דעם וואס עס וועט זיך איבערחזרן ,,נאפאלעאנס סוף'' פון 1812, און יעצט שטיצט מען זיך שוין אז מען וועט זיעגען דורך תעניתים און סליחות, אנשטאט מיט גוט ארגאניזירטע ארמייען און פעהיגע אפיצערען.

,,ווען עס איז איינעם בעשערט אן אומגליק, פערלירט ער דעם שכל'', לויטעט אן אלטע אידישע שפריכווארט, און עס איז גאנץ גוט געפאסט פאר די היינטיגע רוסישע פיהרער.

וואלט עס ניט געוועזען אזוי טראגיש פאר די רוסישע פעלקערשאפטען, וואלטען מיר זיך געמעגט פערגינען דיעזען קאמיזם.

ירושלים דליטא

ווילנא — דער צענטער פון עכטע פארצייטיגע אידישקייט וואס שטעהט שטעהט איצט אין געפאהר פון פערניכטונג.

אז איהר, א ווילנער, וועט זיך אביסעל ארומדרעהען איבער דער וועלט און וועט זיך ענדליך צוריק אומקעהרען אין אייער געבורטס שטאדט, וועט איהר דאמאלס ערשט רעכט דערפיהלען, ווי כשר ווילנא האט פערדיענט דעם שעהנעם נאמען ,,ירושלים דליטא''.

צוויי בית עולם'ס קוקען אויף ווילנא שטיל און צניעות'דיג מיט זייערע אלטע מצבות, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט אזוי פיעל הארציגע אידישע נעמען, און מען דארף באמת קיין גרויסע פאנטאזיע נישט האבען, כדי פארצושטעלען זיך, אז די אלע שאטענס פון די ווילנער גרויסע אידען געהען ביינאכט ארויס פון די קברים און וואנדלען אום שטיל און צניעות'דיג איבער די קרומע, ענגע און שמוציגליכע געסלאך און זעהען מיט פערגניגען, ווי אלץ איז דא לאנגע צעהנדליגע יאהרען געבליבען נישט געענדערט, אלץ, אזוי ווי זיי האבען איבערגעלאזט.

און נישט נאר אויסערליך, אויך אינערליך האט זיך ווילנא אזוי ווי נישט איבערגעביטען. פון די זיידעס צו די אייניקלאך, איבער די קעפ פון די טאטעס, ציהט זיך דער גאלדענער פאדעם, פון דער צניעות'דיגער טראדיציע, און אלץ וואס אין ווילנא זאל ניט פארקומען, קומט עס פאר שטיל און געלאסען. און — גאט — וויפיעל שטרעבונגען און שטרעמונגען עס האט נישט איבערגעלעבט דער געזעלשאפטליכער גייסט אין רוסלאנד, און איבערהויפט טאקע די אידישע יוגענד, אבער ווילנא האט עס קוים אנגעריהרט, קוים די שפיצען אביסעל, און אז דער גרויסער שטראם פון די אלע מיני סאנינ'סטווא מיט גאט־זוכעניש וכדומה איז אראבגעפאלען, איז דאס לעבען פון דער ווילנער יוגענד צוריק אריין אין דעם פריהערדיגען אויסגעטראטענעם וועג, פונקט ווי עס געהט צוריק אריין אין די ברעגען די ווילִיע, נאכדעם ווי דאס פריהלינגס וואסער לויפט אראב, און וויעדער איז עס שא שטיל, אהן טומעל, אהן רעש אידישלאך בעל־הבתיש.

יא, אידישלאך, בעל הבתיש, און פאטריארכאליש דערצו, מוז מען צוגעבען. דער שטח צווישען גביר און ארעמאן איז אין ווילנא אזוי קליין, ווי, למשל, דער שטח פון איין טראטואר אויף יאטקאווער גאס ביז'ן צווייטען. פאראן, נאטירליך, גרויסע גבירים אין ווילנא, אפשר ניט קלענערע, ווי אין אנדערע שטעדט, אבער וועמעס עסק איז עס? דעם גביר טרעפט איהר אין גאס אין דעם זעלבען פערמעהלטען היטעל און שטארק אבגעניצוועטער קאפאטע, ווי דעם ארמעסטען קרעמער. דער ווילנער גביר פראוועט נישט קיין פוסטע גדלות, ער רעדט אפילו קיין רוסיש נישט, און אדרבה — איהר מעגט איהם אבשטעלען אין מיטען גאס: ,,זייט מוחל, איך האב צו אייך א שטיקעל אינטערעס''? ער וועט זיך פאוואלינקע אפשטעלען און וועט אייך אויסהערען. איהר מעגט אין איהם אריינריידען, וויפיעל עס וועט נאר אריין, קיין פאראיבעל וועט ער נישט האבען, און אז איהר דארפט, אז ער זאל ערגעץ געהן פאר אייך בעטען, עפעס פועל'ן איז אדרבה אט שוין די מינט, און טאמער קומט איהר צו איהם אהיים, וועט ער זיך מיט אייך נישט אבשטעלען אין פאדער צימער און נישט אויסהערען אויף איין פוס, ווי עס פיהרט זיך אין דער גרויסער וועלט, נאר ער וועט אייך אריינפיהרען בחדרי חדרים און וועט אייך מכבד זיין מיט טהעע, מיט פאפיראסען, וועט אייך אנרופען אלע זיינע קינדער ביי די נעמען און וועט צופריעדען זיין, אויב איהר וועט זיי אביסעל פערהערען פון די שווארצע פינטלאך, און ערשט דאן, אויב איהר האט דוקא קיין צייט ניט און איהר איילט זיך אוועקצוגעהן, קענט איהר צוטרעטען צו אייער ,אינטערעס'' וועלכען ער וועט אויסהערען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און הארציגקייט און וועט נאטירליך, טהאן פון אייערטוועגען וואס איהר דארפט, און אז איהר וועט אבדאנקען און איילען זיך אוועקצוגעהן.

— איך דאנק אייך, זייט געזונד.

וועט ער אייך נאך אבהאלטען.

— וואס איילט איהר זיך טרינקט נאך א גלעזעל טהעע.

און, מיט וואס ווילנא קען זיך באמת בערימען, איז עס מיט איהרע צדקה־אנשטאלטען. שווער צו גלויבען, עס זאל ערגעץ זיין נאך אזא שטאדט א בעל־צדקה, ווי ווילנא. נישט וויכטיג, וויפיעל זי גיט (גיט זי היינט ווייניג, וועט מען קענען נעהמען א צווייטען מאהל מעהר רעדן), עס איז אבער כאראקטעריסטיש, ווי אזוי זי גיט, און דא מוז מען וויעדער בעצייכנען: אידישלאך בעל־הבתיש און פאטריארכאליש, נעהמען איז אין ווילנא, אייגענטליך, קיין חרפה נישט, ווי עס טרעפט זיך אין אנדערע שטעדט, ארימקייט איז פונקט אזא גאט־זאך, ווי דיא רייכקייט ירום־הודה, רייכקייט און ארעמקייט רעדען אין ווילנא אויף איין שפראך און דאווענען אין איין בית המדרש — נאר ליעבליכע שוועסטער. און טאמער ביזט א געפאלענער בעל הבית און טאמער פאסט דיר נישט צו נעהמען מיט אלע נעהמערס אינאיינעם, האט מען דאס אויך פערזארגט. אין דער חברה ,,מתן בסתר'' גיט מען אין דער שטיל, אז קיין האהן גיט נישט א קרעה, אבי נעהם און, אום גאטעס ווילען לייד קיין הונגער ניט.

אבער ווילנא האט א צו ברייטע האנד, זי זאל זיך קענען בענוגענען מיט חברות אליין, און ,,אויפקלייבען'' איז דא איינע פון די געוועהנליכסטע זאכען. נעהמען צוויי שעהנע אידען די טראדיציאנעלע רויטע פאטשיילקע אין דער האנד און געהען זיך דורך אין עטליכע הייזער, און עס ווערט שוין אלעס רעכט.... קיינער ענטזאגט נישט, אויסגעמישט זיינען אידען איינער מיט'ן אנדערען. היינט קלייבסטו פאר מיר, מארגען פאר דיר — דאס רעדעלע דרעהט זיך אפילו אין ווילנא . .

נעגאנגען זיינען צוויי היגע אידען אויפקלייבען פאר א געפאלענעם בעל־הבית און זיינען אריין צו אזא איינעם, וואס גיט יעדען מאהל א שעהנע נדבה. דאס מאהל האט זיך אבער דער נדבן פלוצלונג איינגעשפארט:

— ער וויל מען זאל איהם זאגען, פאר וועמען מען געהט עס אויפקלייבען.

— ניין — האט מען איהם געענטפערט, דאס קענען מיר נישט אויסזאגען.

— צעהן רובעל גיב איך, אבער איך מוז וויסען, פאר וועמען איך גיב דאס געלד.

זיינען די אויפקלייבער אהן די 10 רובעל אוועק. אבער קיין נאמען האבען זיי נישט אנגערופען. זיי האבען זיך נאר געוואונדערט, וואס איז עס פלוצלונג מיט דעם דאזיגען ,,גביר'' געווארען.

יא, זיי האבען באמת קיין טעות ניט געהאט. עפעס איז טאקע געווארען. ווארום ווי זיי האבען זיך נאר פון די טרעפ אראבגעלאזט, האט זיי דער ''גביר'' פלוצלונג צוריק ארוף געטהאן:

— דאס האב איך אייך נאר געוואלט אויספרובירען — האט ער זיך פערענטפערט — ווי שטארק איהר קאנט האלטען א פרעמדען סוד. איצט זעה איך טאקע, אז מען קאן זיך אין אייך ווירקליך פערטרויען. זאלט איהר טאקע וויסע זיין, אז מארגען דארפט איהר געהן אויפקלייבען פאר מיר. ווארום — האט ער זיך אבגעזיפצט — דאס רעדעלע האט זיך א דרעה געטהאן.

פאוואליינקע, נישט געאיילט, אזוי ווי דער גאנג פון דעם ווילנער קאנקע, לעבט זיך ווילנא אויפ'ן אלטען שטייגער, און איינער וויל דעם אנדערע א טובה טהאן, א מצוה פערדיענען, יענער מעג זיין געזונד אויף אלע אברים.

ווילנא — איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר זאמלונגען פון אלטערטהומליכקייטען, בעזונדערס פון אידישע, אליין אן אלטע שטאדט, וואס טראגט נאך דעם שטעהמעל פון פערשידענע קולטורען, פון פיעל אלטע יאהרען, א לעבעדיגע זאמלונג פון פיעל פעלקער, א גרויסער אלטער קולטורעלער צענטער פון אידענטהום. — וואו האט איהר נאך א מעהר פאסענדען ארט פאר א זאמלונג פון אידישער פערגאנגענהייט? איך שטעל מיר פאר דעם אידישען מוזעאום אין אן אנדער שטאדט, אין א אייראפעאישער, יונגער, טאקע ווי פעטערבורג צווישען די גוואלדיגע רייכע אוצרות, פרעמדע, וואס האבען קיין שום שייכות נישט צו אידען, ליגט אויך א קליינער אידישער אוצר. מעג זיין דער אוצר, טראץ זיין ארימקייט, אונז ווי טהייער, אייגען, אבער דאך קען ער ניט האבען אויף אונז יענע קולטורעלע ווירקונג, קאן ניט ארויסרופען ביי אונז יענע פסיכישע צוזאמענבינדונג מיט דער צייט, וואס דער אוצר שטעלט פאר, ווי דער זעלבער אוצר אין אזא שטאדט, ווי ווילא.

אין ווילנא, ווי נור איהר קומט אריין פון באהן, פאהרט אריין אין מיטען שטאדט, אויף דער זאוואלנע, אויף דער ברייטער גאס, אויף רודניצקא, אויף דער ,,אידישער'' גאס, צום שול הויף, בעהערשט אייך גלייך א מאדנע געפיהל, גלייך ווי איהר וואלט אריינגעקומען אין א לעבעדיגער אויסשטעלונג פון א שטיק אידישער פערגאנגענהייט. געהט איהר ארויף אויף דעם שלאס־בארג, קוקט איהר ארום אויף ירושלים דליטא, אויף איהרע פערדרעהטע קרומע גאסען און געסלאך, אויף איהרע ציגעל דעכער, אויף איהרע אלט פרענקישע מויערען, אויף די בערג ארום, — און אייך ווערט עפעס ווי מיט אמאל קלאהר, פאר וואס האט מען ווילנא א נאמען געגעבען ,,ירושלים דליטא''. ערשט דעמאלס קוקט איהר זיך ארום און איבערצייגט זיך, אז ווילנא איז טאקע א מין גלות־קאפיע פון דעם אמת'דיגען עכטען ירושלים. און איהר הערט דא אומעטום אלטע קלאנגען, אלטע קולות, אלטע לעגענדען. צו אייך רעדט יעדעס ווינקעלע, רעדט פון א ווייטער פערגאנגענהייט, רעדט מיט א שפראך פון הונדערטער יאהרען. און אז איהר קומט ארויס פון דעם קאטעדראלען פלאץ, פון דער קאטהעדראלער קירכע מיט די ביבלישע פיגורען, וואס, לויט א לעגענדע האט זיי געמאכט א אידישער קינסטלער און וואס איז נע'הרג'עט געווארען אראבפאלענדיג פון'ם דאך, בעת ער האט זיך גענומען אויפשטעלען די אויבערשטע קריסטליכע פיגורען; אז איהר קומט ארויס פונ'ם ווילנער בית עולם, פון דעם גר צדק'ס בוים, פונ'ם ווילנער גאון'ס קבר; אז איהר קומט ארויס פון דעם שוהל הויף, דער מערקווירדיגסטער פון אלע איבעריגע שוהל הייפען אין ליטא; אז איהר קומט ארויס פון ווילנער גהעטא, די כאראקטעריסטישע און כמעט די איינציגע אידישע גהעטא אין רוסלאנד, — אז איהר געהט אריין אין דער געבויידע פון דער צדקה־גדולה, געהט אריין אין די דריי צימערען, וואס זיינען אבגעטיילט פאר דעם אידישען מוזעאום, מאכט עס דעם איינדרוק גלייך ווי איהר זעהט עס אריינגעקומען נאר אין דער לעצטער אבטהיילונג פון דעם גרויסען מוזעאום פון ליטווישען אידענטהום, וואס רופט זיך ,,ווילנא''.

און פון דעם ערשטען בליק ראשט אייך איבער די אייגנארטיגקייט פון ווילנער לעבען, וואס האט אוועקגעלעגט איהר שטעמפעל אויף די ווילנער אידען. דער גרעסטער וויכטיגסטער טהייל פון ווילנער מוזעאום געהערט צו א ווילנער איינוואהנער א רוס, בראדאווסקי, א גרויסער זאמלער וואס האט דער ערשטער זיך אבגערופען אויף דער אידעע פון גרינדען א אידישען מוזעאום אין ווילנא און האט אבגעגעבען אין דעפאזיט זיין גרויסע אידישע זאמלונג, וואס געהערט אם מעהרסטען פון לייכטער, לאמפען, הענגלייכטער און אנדערע מעשענע אויסארבייטונגען. און קעגען איבער בראדאווסקיס קאלעקציע הענגט אן אינטערעסאנטעס בילד פון דעם ווילנער גאון, וואס דער בעלארום לוצקעוויטש האט געגעבען דעם מוזעאום אין דעפאזיט. איינע פון די אינטערעסאנטעסטע אידישע כלים איז א זילבערנער חנוכה לאמפעל, וואס איז לויט דער מיינונג פון מבינים, צונויפגעשטעלט געווארען נישט אין איין צייט און נאר א קליינער טהייל פון איהר, די זייטען מיט דעם ,,כפתור ופרח'' דארפען גערעכענט ווערען פאר דעם עלטעסטען טהייל פון דעם לאמפ.

אינטערעסאנט איז די הילצערנע צדקה פושקע פון ראקאווער שוהל פון תקכ''ד (1763), וואס איז געווען צוגעשלאגען ביי דער טיהר, א מעשענע טאשען טינטעריל, וואס האט געדיענט צוא שרייבען גט'ן; אן אלטע פסולע ספר תורה, ווייזט אויס, געהערט צו א ישובניק מיט איינפאכע שטעקענס, וואס האבען געדיענט אלס עץ־החיים'ס; אייניגע מטבעות און קמיעות, צווישען זיי 2 זילבערנע קמיעות גרויסע מיט העברעאישע אויפשריפטען, וואס די מזרח־אידישע פרויען פלעגען טראגען אויף די הענט (פון בראדאווסקי'ס קאלעקציע). עטליכע דענישע מטבעות מיט דער אידישער אויבערשריפט פון שם ''הויה''; צוויי מטבעות וואס ווערען צוגעשריעבען צו דער צייט פון בר־כוכבא'ן; אייניגע נאכגעמאכטע שקלים א. ז. וו. א בעזונדערען ארט פערנעהמט דאס ,,אנטאקאלסקי צימער''. וואס איז געווידמעט דעם גאונ'ישען אידישען סקולפטאר, דעם ווילנער אנטאקאלסקי. אינטערעסאנט זיינען אויך דיא פאטאגראפיעס, וואס זיינען געמאכט געווארען פון ווילנא גופא ווי אויך פון ראקאוו און אנדערע אידישע שטעדט. עס געפינט זיך דא אויך א היבש ביסעל אלטע אידישע ספרים, כתבי־יד, ווי אויך דער גאנצער ארכיוו וואס איז פערבליבען פון יהודה שטיינבערג'ן; עטליכע אקטען פויליש מיט די זיגלען.

ווען דער אידישער פילאזאף הערמאן כהן, האט בעזוכט ווילנא האט ער דארט געלייענט זיין לעקציע צום גונסטען פון מוזעאום (די לעקציע האט געגעבען איינקינפטע העכער 600 רובעל). דער מוזעאום, בעזונדערס די אלטע ספרים און די פאטאגראפיעס פון דער קאוונער שוהל, האבען געמאכט א גוטען איינדרוק אויף דעם פילאזאף. ער איז געווען זעהר צופריעדען וואס סוף כל סוף האבען אויך די אידען פון רוסלאנד אנגעהויבען צוא שאצען אונזערע אלטע אוצרות. די פרוי פון הערמאן כהן האט דענסטמאל צוגעזאגט צו ווירקען אין אויסלאנד אויף דיא בעריהמטע אידישע מאהלערס, זיי זאלען צושיקען אהער זייערע ווערק.

די ווילנער גרופע ליעבהאבער פון אידישע אלטערטהימליכקייטען האט א קורצע צייט פאר דער מלחמה אנגענומען א בעשלוס צו פערשפרייטען איהר טהעטיגקייט נישט נאר אויפ'ן עבר, נאר אויף דעם איצטיגען אידענטהום, וואס האלט נאך אויף זיינע כאראקטעריסטישע נאציאנאלע פארמען. אבער די אונגעהויערע מלחמה האט די ווילנער אידען געגעבען א גרעסערע אויפגאבע, די בעזארגונג פון הונדערטער טויזענדער ארויסגעטריבענע אידען פון פוילען, קורלאנד און ליטא.

עס ווילט זיך האפען, אז ,,ירושלים דליטא'' וועט האבען א בעסערען גורל פון די חרוב'דיגע אידישע קהלות, וועלכע זי האט ביז איצט מיט אזוי פיעל אפפערוווילינקייט געהאלפען.

א וואך פאלקס פערבאנד ארבייט אין מאנטרעאל

(ספעציעל געשריבען פאר'ן טאראנטא'ר ,,אידישען זשורנאל''.)

מאנטרעאל.

דער ארגאניזירונגס קאמיטעט פונ'ם פאלקס פערבאנד פון קענעדער אידען, האט דיעזע וואך זעהר פיעל וויכטיגע ארבייט דורכגעפיהרט מיט דער מיטווירקונג פון די ברייטע אידישע פאלקס־מאסען אין מאנטרעאל.

צוערשט די מאסענפערזאמלונג, וועלכע איז אבגעהאלטען געווארען לעצטען זונטאג אבענד, און צו וועלכער עס זיינען געקומען גרויסע מאסען פון אלע פאלקס שיכטען.

אויף דער פערזאמלונג האט ראובן בריינין, דער פאריזיצענדער פונ'ם פאלקס־פערבאנד גערעדט איבער די צוויי זייטען פון אונזער טהעטיגקייט, דער עקאנאמישער און דער פאליטישער, און האט אין אייניגע קורצע און שארפע זאצען ערקלעהרט די גרענד פרינציפען, אויף וועלכע דער פאלקס־פערבאנד האט זיך פעראייניגט.

הער צוקער, וויצע־פרעזידענט האט דאן ערקלעהרט די בעדייטונג און וויכטיגקייט פון די פאלקס־רעטונג באקסעס, און אפעלירט צו דער יוגענד זיי זאלען זיך אנשליסען אין דער ,,וואלונטירען ארמעע'' פון אונזער פערבאנד.

אן אנדער קאמיטע מיטגליעדער האט אפעלירט א קאלעקשאן זאל געמאכט ווערען אויפ'ן פלאץ. אבוואהל מיר זיינען פארן פרינציפ פון טאג טעגליכע בייטרעגע, טארען מיר אבער ניט פערביילאזען קיין פערזאמלונג און קיין צוזאמענקונפט אהן קאלעקשאנס פאר די מלחמה־ליידענדע.

עס האבען זיך אויף דער שטעלע פארשריבען איבער 100 וואלונטירס און די סומע פון $50,37, איז געשאפען געווארען פון די סענטען פון פאלק.

דער סעקרעטער פון פערבאנד האט דאן גערעדט איבער דער טהעמא: ''דאס פאלק און די פאלקס פריינד''. ער האט זיך לענגער אבגעשטעלט אויף דער געגנערשאפט צווישען אידישען ,,אפ'' און ,,ראון'' צווישען די ברייטע פאלקס־מאסען און די זעלבסטגעקרוינטע פערשטעהער. ער האט געבראנדמארקט בעזונדערס אונזערע מאנטרעאלער פערזאנען, וועלכע זיינען ארויס מיט א נייער ארגאניזאציע, דער זאגענאנטער קענעדער ,,דזשואיש קאמיטע, וועמענס איינציגע ערשטע אבזיכט איז דורכצוברעכען די פאלקס־ארגאניזאציע און דאן אויסנוצען דעם נאמען פון פאלק געגען די פאלקס אינטערעסען.

דער רעדנער האט אויך אנגעצייגט אויף די נידריגע אטאקעס פון דער היגער אידישער פרעסע געגען דעם פאלקס פערבאנד: די פרעסע האט זיך אבסאלוט פערקויפט צו די פאלקס־פיינד און זייענדיג אויפגעגעבען פונ'ם פאלק האט זי דאך אנגעפאנגען צו ארבייטען געגען פאלק.

האבענדיג אויסגעהערט אלע רעדען און אפיעלען האבען די פערזאמעלטע אין א זעהר געהויבענער שטימונג איינשטימיג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציעס:

אנערקענענדיג, אז דאס אידישע פאלק לעבט יעצט אריבער דעם גרעסטען קריזיס אין זיין געשיכטע, א קריזיס, וואס פערענדיגט די שרעקליכע אידישע גלות־געשיכטע אין א ים פון בלוט און אין א תהום פון ערנידערונגען און בעשולדיגונגען.

אנערקענענדיג, דאס אידישע פאלק פאלק טאר יעצט אויף א מינוט ניט פערצווייפלען, נור מוז מיט אויפריכטיגען מוטה אויפנעהמען דעם לעצטען קאמפף פאר פרייהייט און אונאבהענגיגקייט:

אנערקענענדיג, דאס אידישע פאלק אלס גאנצעס, פעראייניגטעס און אונצערטיילטעס, קען יעצט שטעלען פאדערונגען און פערלאנגען, גאראנטיעס ביים פריעדענס קאנגרעס, און אז צוליעב דעם איז נויטיג די ארגאניזירונג פון אלע אידען אהן אונטערשיעד פון קלאסען און פארטייען אין אלע לענדער, און דאן זייער פעראייניגונג אין איין אלגעמיינעם אידישען קאנגרעס, וועלכער זאל איינבערופען ווערען אויף דעמאקראטישע יסודות און האבען דאס רעכטע צו רעדען אינ'ם נאמען פונ'ם גאנצען אידישען פאלק.

הייסען מיר פאלקס פערזאמלונג פון מאנטרעאלער אידען, גוט די ביז אהעריגע ארבייט פונ'ם פאלקס פערבאנד פון קענעדער אידען (די איינבערופונג פון א קענעדער קאנווענשאן און די אנטהיילנעהמונג אין אמעריקאנער אידישען קאנגרעס איינגעשלאסען) פערשפרעכען מיר צו שטעהען מיט איהם אין אלע זיינע ווייטערדיגע ארבייטען.

אנערקענענדיג בעזונדערס די ריכטיגקייט פון דער ארגאניזירונג פון פאלקס הילף אויף דעם פרינציפ פון טאג־טעגליכער בייסטייערונג זאגען מיר גוט דעם פלאן פון פאלקס רעטונג באקסעס און פערפליכטען זיך מיטהעלפען טאג טעגליך אין דיעזער גרויסער הייליגער פאלקס־רעטונגס ארבייט.

אין דער זעלבער צייט, אנערקענענדיג, אז די אטאקעס פון דער היגער אידישער פרעסע געגען דער מוטהיגער ארבייט פונ'ם פאלקס־פערבאנד, זיינען א פערראטה געגען די פאלקס אינטערעסען א פערזוך צו פאראליזירען יעדער ארבייט וואס געהט ארויס פון פאלק, און אטענטאט געגען דער אונאבהענגיגקייט פון 86 ארבייטער און פאלקס ארגאניזאציעס, וועלכע האבען זיך אינ'ם שווערסטען מאמענט פעראייניגט און ארגאניזירט צוליעב דער הייליגסטער ארבייט.

און אנערקענענדיג, אז די גרינדונג פון א זעלבסטגעקרוינטער דזשואיש קאמיטע, וועלכע טרעט אונז עפענטליך אריבער איבער דעם קאפ פון דער ארגאניזירטער קערפערשאפט פונ'ם פאלקס פערבאנד, איז אן אונפערצייהליכער פערראטה געגען פאלק פון דער זאגענאנטער אידישער פראמינענץ, וועלכע זייענדיג ווייט פון אונזערע ליידען און פריידען, ווייט פון אונזערע פאדערונגען און האפנונגען, קומען אין א שווערען מאמענט צוברעכען אונזער פאלקס ארגאניזאציע, שטיצענדיג זיך אויף דער פרעסע, וואס איז איינגאנצען אין זייערע הענד און דיענט אין גאנצען זייערע אינטערעסען, ווארפען מיר מיט ענטרוסטונג צוריק [illegible] נידריגע פערלוימדונגען פון דער [illegible] אידישער פרעסע געגען די פארשטעה [illegible] פון אונזערע ארגאניזאציעס, פערמי [illegible] מיר די פאליטיק פון דער צייטונג, וו [illegible] כע זייענדיג אונטערשטיצט און אויסג [illegible] האלטען פון פאלק האט זיך פון פא [illegible] אוועקגעקעהרט אין דער שווערסטער שטונדע.

און מיר פראטעסטירען אויך געגען דער ,,דזשואיש קאמיטע'' פאר איהר איגנארירען דאס פאלק און איהר אויסנוצען צוליעב דיעזע צוועקען די היגע אידישע פרעסע.

מאנטאג זיינען דורכגעפיהרט געווארען אייניגע אפען עיר מיטינגס, אויף וועלכע די וואלונטירען ארמעע איז רעקרוטירט געווארען, איבער 400 האבען זיך אנגעשלאסען אין דער ארמעע, און זיי אלע צוזאמען מיט זייערע פריינד זיינען געקומען צום ארגאניזאציאנס מיטינג, וועלכער האט שטאטגעפונדען דינסטאג אבענד.

ראבן בריינין, דער שרייבער פון דיעזע צייל און אנדערע רעדנער האבען די ארמיי בעגייסטערט און ארגאניזירט.

עס זיינען דערביי געווען אייניגע, זעהר הייליגע מאמענטען, וואס אלע האבען אינערליך איבערגעלעבט.

די מייסטע וואלונטירען האבען זיך פערשריבען אויף זונטאג, דאך זיינען מיטוואך און דאנערשטאג ביינאכט אויך ארויסגעגאנגען ביז 50 קאמיטעטס אינ'ם אידישען געגענד און ביז יעצט זיינען שוין איבער 1000 באקסעס צושטעלט געווארען.

אומעטום כמעט, ווערען די באקסעס אויפגענומען מיט ענטהוזיאזם: אין אייניגע הייזער פון פשוט'ע אידען זיינען פארגעקומען סצענעס, וועלכע די קאמיטעטס וועלען קיינמאהל ניט פערגעסען. עס איז געווען די פרייד פון פאלק צו זעהן דעם ''זכר לחורבן'' ביי זיך אין דער היים און צו האבען א מעגליכקייט טאג טעגליך בייצושטייערען צו דער גרויסער ארבייט פון פאלקס הילף.

מיר גלויבען אז דיעזען זונטאג וועלען ביז 200 קאמיטעטס ארויסגעהן איבער דער שטאדט און וועלען צושטעלען א מינימום פון 5000 באקסעס אין אלע אידישע הייזער פונ'ם אידישען צענטער.

אויף אונזער קאמיטע זיצונג האבען מיר געהאט דאס גליק צו הערען אז ענדליך האט זיך טאראנטא אן אונז אנגעשלאסען. מיר האבען אימער געוואוסט, אז עס וועט קומען, אז אזא אידישער ישוב ווי טאראנטא וועט ניט בלייבען שטעהן פון דערווייטענס. יעצט, ווען דאס וואס האט געזאלט קומען איז געקומען, האבען מיר זיך געפיהלט פעסטער און מוטהיגער אין אונזער ארבייט און מעהר אנגעשלאסען אין אונזערע פארבערייטונגען צו דער קענעדער קאנווענשאן.

אויף מארגען האבען מיר ערהאלטען דעם טאראנטאר ,,זשורנאל'', אין וועלכען אן עדיטאריעל איז געווען געווידמעט דיעזער עראייגניס. דאס עדיטאריעל האבען מיר ארויסגעשטעלט אין די פענסטער פון אונזערע אפפיסעס. מיר האבען אויך ארויסגעהאנגען א בולעטין אנגעקינדיגט גאנץ מאנטרעאלער יודענטהום, אז אונזער אידעע פון פעראייניגונג און ארגאניזירונג דרינגט אריין אינ'ם הארץ פונ'ם גאנצען קענעדער יודענטהום.

יהודה קיפמאן פעבאנד סעק.

דייטשע ארגומענטען אין אמעריקא און אין רומעניען

פון אמעריקא פאדערען זיי זי זאל ניט שיקען געווהר צו די עלליים ווייל עס איז ניט נייטראל, אבער ווען רומעניען פערשפארט דעם וועג פאר דייטשע געווהר, פראטעסטירען זיי אז דאס איז ניט נייטראל. רומעניען׳ס שענדליכע און פעררעטערישע „בארגענס".

פון ה. אבנר.

א פראטעסט וואס דייטשלאנד האט לעצטענס געשיקט צו רומעניען שטעלט די דייטשען אין א זעהר ניט שעהנעם ליכט ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט זייערע פראטעסטען געגען אמעריקא.

דאס דייטשע פאלק, אונאפיציעל, און די עסטרייך־אונגארישע רעגיערונג אפיציעל האבען געשיקט פראטעסטען צו אמעריקא געגען דעם האנדעל מיט געווהר. די בעהויפטונג ווערט געמאכט דאס צו ערלויבען געווהר עקספארטירט צו ווערען פון אמעריקא קיין אייראפא פאר ענגלאנד און פאר די עלליים צייגט אז אמעריקא איז ניט נייטראל, דאס זי איז פארטייאיש צו די עלליים.

אמעריקא האט אויף דעם געענטפערט דאס לויט אינטערנאציאנאלע געזעצע האט א נייטראלע רעגיערונג קיין רעכט צו סטאפען דעם פערקויף פון געווהר און אמוניציאן ביי איהרע סיטיזענס צו די לענדער וועלכע פיהרען קריעג. דייטשלאנד און די דייטש־אמעריקאנישע בירגער זאגען אז דאס איז ניט ריכטיג.

טערקיי אלס א בונדעס גענאסע פון דייטשלאנד און עסטרייך אין דער יעצטיגער מלחמה קריגט, אדער בעסער געזאגט האט געקראגען, א גרויסען טהייל פון איהר אמוניציאן פון דייטשלאנד. אזוי [illegible] טערקישע האפענס און דייטשע הא[illegible]נס זיינען בלאקירט, פערשטעהט זיך [illegible] דייטש געווהר און דייטשע אמוניצי[illegible]ן פאר טערקיי מוז געפיהרט ווערען אי[illegible]ער לאנד דורך רומעניען און בולגאריען.

רומעניען, זוכענדיג אפצולעקען א ביינדעל פון דער יעצטיגער מלחמה, אהנע עפעס דערביי צו ריזיקירען, האט לעצטענס פערבאטען דייטשלאנד צו פיהרען געווהר קיין טערקיי דורך איהר טעריטאריע. זי זאגט אז זי קען דאס ווייטער ניט ערלויבען ווייל עס איז געגען די נייטראליטעט געזעצע.

צו זיין קאנזעקווענט וואלט דייטשלאנד געדארפט איינשטימען מיט רומעניען, דען אויב עס איז ניט נייטראל פאר אמעריקא צו פערקויפען געווהר צו ענגלאנד, פראנקרייך און רוסלאנד, איז עס זיכער ניט נייטראל פאר רומעניען צו ערלויבען א מלחמה לאנד צו טראנספארטירען געווהר דורך איהר טעריטאריע.

אין איהר פראטעסט צו רומעניען, נעהמט דייטשלאנד אבער אן כמעט די זעלבע שטעלונג ווי אמעריקא און זי בעהויפטעט דאס די טראנספארטאציאן פון געווהר דורך רומעניען פערלעצט ניט רומעניען׳ס נייטראליטעט. אלס בעווייז גיבט זי אן אמעריקא׳ס ארגומענטען און צייגט דאס אמעריקא פאבריצירט איהר אייגען געווהר צו פערקויפען צו מלחמה לענדער.

ענטוועדער דייטשלאנד׳ס פראטעסט געגען רומעניען איז אונגערעכט ווען ניט איז איהר פראטעסט געגען אמעריקא אונגערעכט. זי קען ניט זיין גערעכט דא און דארט.

רומעניען׳ס האנדלונג אין פערבאטען די טראנספארטאציאן פון דייטשע געווהר פאר טערקיי, ווייזט קלאהר און דייטליך ארויס דעם פעררעטהערישען און נידריגען כאראקטער פון די רומעניער, אויב עס איז געגען דער נייטראליטעט פון רומעניען צו ערלויבען דאס דורכפיהרען פון געווהר דורך איהר טעריטאריע, איז עס געווען אזוי מיט מאנאטען צוריק, ווען טריין נאך טריין געפאקט מיט געווהר און אמוניציאן איז אונגעשטערט דורכגעפאהרען, דער פאקט דאס רומעניען האט דאמאלס ניט פראטעסטירט צייגט דאס איהר יעצטיגע האנדלונג איז ניט בעגרינדעט אויף א בעגעהר חלילה ניט צו פערלעצען איהר נייטראליטעט.

רומעניען וויל דא שפיעלען די זעלבע ראלע וואס זי האט געשפיעלט אין דער צייט פון דער באלקאנישער מלחמה. זי וועל קריגען „בעלוינונג" אהנע דערפאר עפעס צו טהאן, און ווי עס ווייזט אויס וועט עס איהר געלינגען.

לויט ווי עס מעלדען דעפעשען פון אייראפא פערהאנדעלט זי מיט ביידע צדדים. עס ווערט בעהויפטעט אז עסטרייך און דייטשלאנד האבען איהר אנגעבאטען בעסאראביען אויב זי וועט אריין אין דער מלחמה אויף זייער זייט. וועהרענד די עלליעס האבען איהר צוגעזאגט אויף זייער זייט. פארלייפיג שטעהט זי נאך אין מיטען וועג ניט וויסענדיג וועלכען וועג צו געהן.

ווי אזוי זי זאל זיך ניט קעהרען וועט עס פאר די אידען זיין אן אונגליק, אויב רומעניען זאל אריין אין דער מלחמה זייטענס די דייטשען און ווען בעסאראביע זאל ווערען אין פאל פון א דייטשען זיעג רומענישע טעריטאריע, וואלט דאס געווען דאס גרעסטע אונגליק וואס קען טרעפען די אידען וואס וואוינען אין יענער פראווינץ. צו וואוינען אונטער רוסישע הערשאפט איז שלעכט גענוג, פון דעסטוועגען אבער לעבט מען אלץ אין האפנונג אז די רעגיערונג וועט סוף כל סוף ליבעראליזירט ווערען. אין רומעניען איז ניט נור די רעגיערונג שלעכט צו אידען, נור דאס פאלק אליין איז מעהר אנטיסעמיטיש ווי אין רוסלאנד.

וויעדער זאל רומעניען אריין אין דער מלחמה אויף דער זייט פון די עלליים און ווען די עלליים זאלען זיעגען און רומעניען זאל קריגען בוקאווינא, וואלט דאס געווען נאך א גרעסערער אונגליק פאר די בוקאווינער אידען ווי פאר די בעסאראביער ווען זיי זאלען ווערען רומענישע אונטערטהאנען. די בוקאווינער אידען וואוינען יעצט אונטער א ליבעראלער רעגיערונג און געניסען פאלשטענדיגע בירגער רעכטע.

זומער ביינאכט און פארטאג

פון מ. אורבאס.

הארמאניש איז די פינסטערניש פון דער נאכט. עס שלאפען די וועלדער, די פעלדער, די בערג און די טהאלען, פערחלומט שוועבט אום דער ווינט ווי א וועכטער איבער אלעס.

וויגענדיג שלאפען די גרעזלאך די בלומען, און אלע אנדערע געוויקסע. דער טייך שלאפט, די אויבערפלעך גיט זיך א טרייסעל, בלייבט רוהיג. עס שלאפט דער פויגעל אין זיין נעסט, די טהיער אין איהר נארע. די לופט ארום די פעלדער איז אנגעפילט מיט געטליכע טענער. עס זינגען די קונסטפאלע זינגער. די נאכטיגאלען פון הימעל בליקען ארונטער, בלישטשענדע שטערען און טרימערישע שוועבט אום די זילבער ווייסע לבנה און בעלייכט בערג און טהאל.

אין דער ווייטער וויסטעניש שלאפען רוהיג די לייבען, די טיגער, די לעמפערטען, דער בער, דער פוקס דער הערש עס שלאפען שנארכענדיג די ריעזיגע עלפאנטען. עס שלאפט די ביהן, די מוראשקע, דער היישעריק, די וועווערקע דער קראקאדיל, די זשאבע, די זאפע. אלעס רוהט אין דער פינסטערער נאכט אונטער דעם דונקעלען. עס שלאפט דער מענש, דער יעגער דער האוועניק. קיין פערדאכט אז דאס איז דער זעלבער. א שטיק לייבע איינגעהילט אין תכריכים עס שלאפט די יונגע פרוי וועמען דאס לעבען האט דערצעהלט א ביטערען סוד עס שלאפט דאס יונגע קינד וועלכעס האט נאך קיין אהנונג ווייסט נאך ניט ווי שווער עס איז דורך צו וואנדערען דעם לעבענס וועג

עס שלאפט דער אלטער, די אלטע, וועמען דער טאג איז שוין צו לאסט, עס שלאפט אויף שטיינער דעם טרעמפ.

די אלטע גאסען פרוי, מענשען קינדער וועלכע האבען אין דער יוגענט ווער ווייס ווי זיס געטרוימט.

אויף א בערגעלע מיסט ליגט א היימלאזער ארימער הונט, צוגעדעקט מיט דעם שאטען פון דער קיהלער נאכט. ער ציטערט עס איז איהם נעבאך קאלט, וואיעט, מוז זיין קראנק, און ווייל עס געפינט זיך ניט קיין מענש וועלכער זאל אויף דעם ארימען לעבען רחמנות האבען, שיקט איהם די לבנה עטליכע בלאסע שטראהלען און בעקלאגט איהם וואנדערענדיג

אין שטאל שלאפט דאס אויסגעהארעוועטער פערד, דער אקס, די בהמה, דאס יונגע קאלב וועלכעס ווייסט נאך ניט דעם טראגישען ענד פון איהר לעבען.

עס שלאפען די שעפסען, די ציגען, עס שלאפען די היהנער, גענז און קאטשקעס די טויב און די ווארענעס, שוואלבען און די חיה׳לאך. עס שלאפט די פליג, די שפינען און אלע אנדערע לעבענס. אויף א דריטען שטאק אין א קליין ענג צימער זיצט א יונגע פערלאזענע פרוי. די האר אויף איהר קאפ אין אונארדנונג. דאס געזיכט בלאס, די אויגען איינגעפאלען, שווארצע בלאע רינגען, ארום די אויגען, א מאל געווען א שעהנהייט. זי זיצט ביי דער וויעג וואס עס ליגט איהר קינד, די פרוכט פון ליעבע — וועמענס לעצטע שטונדע עס געהט שלאגען.

קינדעניו, מיין ארים קינד — הערט זיך א אומעדיגעס קול אין דער נאכט, און דאס ניין מאנאטיגע קינד ווערט עפעס שטארק ווי א ריעז. גיט זיך האלב א זעץ אויף כאפט זיך פעסט אין דער וויעג מיט ביידע הענטעלאך בליקט ארויף צו דער מוטער, פון דיא אויגעלאך קייקלען זיך טרערען. מאכט אויף דאס מיילכעל ווי עס וואלט וועלען ערקלעהרען. מאמעניו, אוי, אזוי שווער צו שטארבען.

די פערברענטע ליפעלאך פאנגען אן שפיעלען א אונהערבארען געזעגענונגס מארש, אין די אויגעלאך שווימען ארום קאלטע בלאסע מורא׳דיגע פייערלאך א קאלטער שוויים שלאגט ארויס אויפן שטערענדעל. עס וויינט עס קלאגט די ארימע מוטער, קלאגט טיעף אין דער נאכט אריין.

צוויי הייזער ווייטער געפינט זיך א שעהן פערפוצטער זאל. דארט איז ליכטיג, מוזיק שפיעלט א פרעהליכעס, פערפוצטע פארלאך שארען מיט די פיס! מען טאנצט מען איז לוסטיג, פרעהלאך, עס איז שוין נאך דעם מאל צייט, חתן כלה, צוויי יונגע לעבענס אויסגעפוצט אין די שעהנסטע קליידער שפאצירען געארימט איבערן זאל. יעדער ווילע בעגריסט זיי און ווינשט זיי גליק א צווייטער. דא בעשיט מען זיי מיט קאנפעטיער! און זיי — דאס יונגע פארעל! העכסט גליקלאך שווימען אום אין דעם טיעפען ים פון פרייד און ערווארטונג.

עס פערשווינדען די נאכט שטונדען, און עס פאנגט זיך אן דער נייער טאג. די ערד האט שוין דורך געמאכט איהר פינסטערע רייזע און גרייט זיך צום נייעם אלטען וואנדער וועג ארום דער זון.

דערנעהענטערענדיג דעם טויט פון דער נאכט.

ווייס, ווייס, א פראכטפאלע בלויע דעקאראציע פון דער ערד ביז צום האריזאנט! עס שוועבט אום דער פריה מארגען ווינד און וועקט אלעס און אלעמען צום ערוואכען דער וואלד, דאס פעלד, די בערג טהאלען ערוואכען, ווארפען זייער אייביג פערחלומ׳טען בליק צום האריזאנט! די בלומען, די גרעזלאך, די צווייגען די בלעטער פאנגען אן צו מורמלען זייער מארגען געבעט! ווינקען זיך דורך מיט די בריליאנטענע אויגעלאך וואקלען זיך שושקען זיך! דערצעהלען זיך סודות, עס זינגען דיא וועלען פון ים א מארגען ליעד זייער שוועסטער — די ערד, וואשען און קאמען איהרע ברעגעס, מורמלען — ערוואך גרוי שוועסטערעל צייג די הימלען נאטעס שעפונג. זיי פארבערייט צום עמפאנגען די מתנה וועלכע עס שיקט זיך פון ווייט, ווייט. די זון, די ערד ערוואכט, זאפט איין אין זיך דעם זיסען פרישען ריח. אט בעווייזט זיך א פויגעלע. אן ער. עס שטעקט ארויס דאס שעהנע קעפעלע פון דער נעסט, ווארפט א פערחלומ׳טען בליק אין דער גרויסער וועלט אריין, קלאפט מיטן שנעבעלע, הין און צוריק. בעוועגט עטליכע מאל די אויגען דעקלאך און פאנגט אן זינגען זיין מארגען ליעד:

איס — איס — איס — טירררררר
איס — איס — איס — טירררררר

די פויגעל וועלט ערוואכט:

די לופט ארום, ווערט אנגעפילט מיט געטליכע טענער. עס פאנגט ליכטיגער גווערען. די טהיער וועלט ערוואכט, אין וויסטען וואלד קלינגט שוין די מורא׳דיגע שטימע פון ווילדען לייב. אין דארף קרעהען די העהנער, קו — קע — רי — קו — שוין מערקט זיך א פאסטוכעל טרייבענדיג דיא שאף! א פערחלומטער בלאסער איד. א זקן, געהט לאנגזאם אין בית המדרש. טלית און תפילין אונטערן ארעם, א וויסטע אלמנה איילט צום בעקער נאך בייגעלבולקעס א געזונטער פוהרמאן קריכט לאנגזאם אין שטאל צו די פערד. איבער די שטילע גאסען שפאנט אהיים אן אלטער ארימער נאכט וועכטער. זיין האלב סקעלעטישער קערפער איינגעהילט אין דיקע קליידער שטעלט זיך צייטענווייז אב, ווארפט א בליק צום פערטראכטען בלויען פריהמארגען!

דערמאהנט זיך! ניטא — א טרעהר צוגיסט זיך איבערן אלטען איינגעשרינטענעם אויג, גיט א שווערען זיפץ און געהט ווייטער ארימער נאכט וועכטער!

אין שטאדט הערט זיך דער סיגנאל פון די פאבריקען, די ארבייטער מאסע ערוואכט! דא און דארט מערקט זיך קריכענדיג אן אויסגעדארטע פיגור, פערשלאפענע אויגען א בלאסע געזיכט־ דאס איז א קינד פון דער ארבייטער מאסע וועלכע איז פעראורטהיילט צום יאך:

ע סשיינט די העלדען פון ליכט! עס שמייכלען די הימלען און — ביענען רוישען!

פון דער אלטער וועלט

נייעס און פאסירונגען פון דער אלטער היים.

רוסישע אידען ריכטען אפ יציאת מצרים.

די „רוסקאיע סלאווא" פון מאסקווא האט פערעפענטליכט הערצרייסענדע שילדערונגען פון די אויסוואנדערונגען פון די אידען אין די מלחמה געגענדען.

די צייטונג האט ספעציעל געצויגען די אויפמערקזאמקייט צו דעם גלות פון צעהן טויזענד אידען, וועלכע זיינען געקומען פון די מלחמה געגענדען צו זוכען שוץ אין וואהלין. זייערע פרויען און קינדער און אלטע לייט און מיט די קלומקעס אויף די פלייצעס, ערקלעהרט די צייטונג, האט געמאכט דעם איינדרוק ווי די אידען וואלטען אפגעריכט א צווייטע יציאת־מצרים.

די זעלבע צייטונג מעלדעט אויך, אז מען האט געשיקט מאסען אידען פון ווילנער גובערניע נאך טאמבאווער גובערניע (טיעף רוסלאנד). פיעלע אידישע פליכטלינגע זיינען געקומען קיין פאלטאווא, אבער מען האט זיי גלייך געהייסען געהן פון דארטען נאך פענזא אדער וואראנעזש.

איינדרוקספאלע לויה פאר פראפעסאר עהרליך אין פראנקפורט.

פראפעסאר פאול עהרליך איז לעצטע וואך געבראכט געווארען צו זיין לעצטער רוה.

די לויה איז געווען פון זיין הויז אין פראנקפורט אם מיין. דער בעריהמטער וויסענשאפט מאן איז בעערדיגט געווארען אויף דעם אידישען בית עולם. ראבבי לאזארוס האט געהאלטען דיא לעצטע טרויער רעדע אויפ׳ן קבר.

די פראפעסארען פ. פאנצער, אלעקסאנדער עלינגער און האנז זאקס פון דער פראנקפורטער אוניווערזיטעט און די פראפעסארען לעאפאלד לאנדאו און קעניג פון דער בערלינער אוניווערזיטעט האבען געהאלטען רעדען אין הויז פון דעם פערשטארבענעם איידער די לויה האט זיך אנגעהויבען.

דער אבערבירגמייסטער און אלע שטאדטישע בעאמטע, ווי אויך אלע מעדיצינישע און וויסענשאפטליכע אינסטיטוציאנען פון דייטשלאנד האבען ארויפגעלעגט קרענץ אויף דעם פרישען קבר פון דעם פערשטארבענעם אידישען פראפעסאר.

אלע קלאסען פון דער בעפעלקערונג פון פראנקפורט האבען פראפעסאר עהרליך אבגעגעבען די לעצטע עהרע און די לויה פראצעסיאן האט זיך געצויגען מיילען ווייט, און אלע אנטהיילנעהמער זיינען געווען אין טיעפען טרויער.

וואס עס הערט זיך אין לאדז.

די איינוואהנער פון לאדז, ווי די געברייכער, אזוי אויך די סוחרים און בעקער, קענען זיך נאך אלץ נישט צוגעוואהנען צו דער ארדנונג, פון די „ברויט קארטען", וואס די דייטשען האבען איינגעפיהרט. ביים קויפען און

(פארטזעצונג אויף פיידזש 3)

ל. יאללעס
אויגוסט סייל

שטרויענע גאו־קארס, רעגעלס
פרייז $10 און $12 פיר $8

בייבי
קערידזשעס
כמעט
האלב
אומזיסט

א גרויסער רעדאקשאן אויף דרעסערס, בופעטען און סייד־באארדס
א גרויסער אויסוואהל פון פארלאר און דיינינג רום פארניטשור.

ל. יאללעס
363 קווין סטריט וועסט

דייאמאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך־

איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו האבען דעם פיינסטען דייאמאנד אדער אנדערע דזשוועלרי דורך דאס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדער. דייאמאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגקייט.

מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא דאס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונז דייאמאנדס מיט די לייכטעסטע אבצאהלונגען. ספעשעל דיסקאונט 10 פראצענט פאר קעש. דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

אויפמערקזאם
לײדיס - טײלארס

דיא וויכטיגסטע זאך אין אייערע ביזנעס איז צו מאכען גארמענטס ביז א פערפעקט פיט. — כדי דאס צו טהאן מוזט איהר האבען פאלקאמענע פארמס. די

דייל ברענד

געמאכט צו פאסען קאנאדיען פרויען פאר דעם קאנאדיען מאנופעקטשורער איז דער פארם וואס דארפט.

- DALE -
WAX FIGURE Co. Limited
106 FRONT STREET East

טעלעפאנס:
3023 — — מעין
1923 — דזשאנקשאן

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מעררידזש לייסענס
קאן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל"

נאטיס!
דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מעררידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיעזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
67 עליזאבעטה סטריט 67

אידען פון דער גאנצער וועלט!

29

צו איהר ווילט בעקומען א פרייז אדער ניט, די בילדער דארפט איהר זאמלען.

מיט פיעל שוועריגקייטען איז אנגעקומען די בילדער צו בעקומען.

א סעריע פון בילדער געזאמעלט איז פערשיעדענע לענדער איז פערבונדען מיט גרויסע אויסגאבען.

די בילדער זענען פאסיג פאר אן אלבום.

אז איהר וועט זיי אנקלייבען, וועט איהר האבען די שעהנסטע אידישע זאמלונג זאמעלט די בילדער, און ביי א קליינער אנשטרענגונג, וועט איהר נאך אויך בעקומען א פרייז.

זאמעלט די בילדער און בעקומט א פרייז

מיר וועלען דרוקען ארום 100 בילדער וועגען אידישע טיפען פון אלע וועלט טהיילען.

די בילדער וועלען ערשיינען יעדען טאג א בילד, זיי וועלען ניט האבען קיין אונטערשריפטען אונטער זיך און די לעזער וועלען דארפען טרעפען, וועלכען אידישען טיפ. דאס בילד שטעלט פאר.

ווען אלע בילדער וועלען אבגעדרוקט ווערען, וועלען די לעזער דארפען אריינשיקען זייערע בילדער, מיט די אונטערשריפטען, וועלכען אידישען טיפ, יעדעס בילד שטעלט פאר, פון די וואס וועלען אריינשיקען די ריכטיגע ענטפערס, וועלען 25 בעקומען פרייזען א פראכטפאל געבונדענעם און אינטערעסאנטען בוך.

וויכטיגע נייעס פאר אלע אידען פון דער וועסט ענד.

די בעסטע וויינען און ליקער

מיר זיינען אין דער רעכטער הארץ פון דער אידישער געגענד, 25 יאהר אין דיא ביזנעס און מיר האבען די בעסטע קענעדער און אימפארטירטע קאניאקען אונד בראנדיס צו די ביליגסטע פרייזען.

א ספעשעל דיסקאונט פאר חתונות, פארטיעס און זא ווייטער.

מיר גאראנטירען פולע צופרידענהייט.

פערגעסט ניט אז דאס אלעס האט איהר

301 סענט פעטריק סטריט

א. פעטערסאן, פראפ. טעלעפאן קאלעדזש 84

דער פרויען פעראייז פון פרץ שולע

(געוועזענע נאצ. ראד. שולע)

מאכט בעקאנט צו די יעניגע, וועלכע האבען געקויפט פון זיי בילעטען פאר זייער טעאטער אונטערנעהמונג, וועלכע האט געזאלט זיין דעם 26טען יולי, אז די דאזיגע בילעטען וועלען זיין גוט פאר מיטוואך דעם 1טען סעפטעמבער. עס וועט געשפיעלט ווערען

„דער ווילדער מענש“

פון יעקב גארדאן

מיר בעטען ענטשולדיגונג וואס די אונטערנעהמונג האט זיך אזוי לאנג פערצויגען, עס איז געוועזען ניט אונזער שולד. געדענקט דעם טאג פון אונזער אונטערנעהמונג

מיטוואך אווינט דעם 1 סעפטעמבער

מיט דרך ארץ, דער פרויען פעראיין פון פרץ שולע.

פיאנא ריסייטעל

— ביי —

GEO. E. BOYCE

דער בריללאנטענער תלמיד פון פראפעסאר מיכאל האמבורג

וועט געגעבען ווערען אין מאסעי האלל.

OCTOBER 7TH

דאס וועט זיין דער פראפעסיאנעלער דעביוט, דאס ערשטע ארויסטרעטען, פון דיעזען יונגען ארטיסט אין טאראנטא.

מר. באים האט געקראגען זיין גאנצע מוזיקאלישע בילדונג אין טאראנטא. און ווען פראפעסאר האמבורג האט דא ערעפענט זיין סטודיא איז מר. באים געווען איינער פון זיינע ערשטע שילער און ער האט שטודירט די קונסט פון פיאנא שפיעלען מיט דער האמבורג מעטהאדע ביז איצט.

מר. באים וועט שפיעלען אמביציעזע פראגראמע וועלכע וועט ענטהאלטען א גרויסע סאנאטא פון בעטהאווען; די זעקסטע רהפסאדיע פון ליסט, ווי אויך די געוועהנליכע נומערען פון שאפען, הענסאלט און ראמאל.

מוזיק ליעבהאבער פון טאראנטא, וועלכע האבען געהאט אן אויג אויף דיעזען יונגען ארטיסט, ווי ער ענטוויקעלט זיך און שטייגט, אויף די יעהרליכע ריסיטיילס פון די שילער פון דער האמבורג קאנסערוואטאריום, ערווארטען דיעזען פאלל מיט זעהר פיעל אינטערעס.

סאקליינג און קאמפאני

אקשען סייל צו די טרייד

יעדען מיטוואך — דעם גאנצען יאהר

דריי־גודס, אונטערוועש, קליידער, בוטהס און ראבערס.

SUCKLING & CO.

76 WELLINGTON ST. W. TORONTO

א בשורה טובה פאר די וועסט אידען

מיר די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי מינסק האבען מיר דעם פארגעניגען בעקאנט צו מאכען דעם עולם אז אונז איז געלונגען צו נעהמען אויף ימים נוראים דעם בעריהמטען

חזן קאפלאן

מיט איין גוטען איינגעשטודירטען כאהר

צו דאווענען אין דעם גרויסען לופטיגען האל מיט א גאלעריי פיר פרויען, בראדוויי האל, 540 ספעדיינא עוועניו.

די יעניגע וואס וועלען דאווענען מיט אונז אין האל וועלען אויסבעטען איין גוטען יאהר.

קויפט טיקעטס צו הערען חזן קאפלאן דיעזען י"ט און מיר וועלען אויסבעטען א גוט יאהר.

טיקעטס צו בעקומען ביי חזן קאפלאן אין אפיס, 197 קווין סט. וועסט, 6 קענזינגטאן עוו., אין 33 קענזינגטאן עוו. און ערב ראש השנה אין האלל.

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם

דיינינג רום אונד רעסטאוראנט

אין 192 ספעדיינא עוועניו, (ניער קווין)

עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט

דאס שעהנסטע פלייז אין אקאמאדיישאן פיר ליידיס און דזשענטעלמען.

גוטע געשמאקפולע כשר'ע שפייזען און גוטע בעהאנדלונג גאראנטירט.

גרינבלאט, 192 ספעדיינא עוועניו, (נעגען איבער פהיבי סט״ים)

ה. יאנאווער — א. ראזענפעלד

פאן מיין 6886 — פאן קאלערזש 5089

— זיינען די —

טאראנטא קאהל קאמפאני

91 עננעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029

— פערקויפען, נור —

Elias Rogers Co's Anthracite

יעדער לאס, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

פערזיכערט דעם רוסישען הויפט־קאמאנדיר אין פראנקרייך'ס צוטרוי.

פאריז אויגוסט 29.

פרעזידענט פואנקארע פון פראנקרייך, קריעגס מיניסטער מיליעראן און גענעראל זשאפר, דער הויפט קאמאנדיר פון דעם פראנצויזישען חיל האבען צוזאמען געשיקט א טעלעגראמע צו גרויס־פירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, אין וועלכער זיי דריקען אויס זייער צוטרוי צו זיין סטראטעגיק און זייער האפנונג אין ענדליכען זיעג איבער די דייטשען.

אויף דיעזער טעלעגראמע האט דער רוסישער הויפט קאמאנדיר געענטפערט מיט א דעפעשע, אין וועלכער ער זאגט, אז די איינינקייט צווישען די קאמאנדירען פון אלע "פערבינדעטע" ארמייען, איז דער זיכערסטער סמן פון דעם זיעג, וואס אלע וועלען סוף כל סוף דערגרייכען.

500 אידישע סטודענטען סטרייקען אין שיקאגא.

שיקאגא אויגוסט 28

500 סטודענטען פון דעם היברו אינסטיטוט, א מין אנשטאלט ווי דער עדיוקיישאנאל עליאנס אין ניו־יארק, זיינען היינט ארויס אין סטרייק. דערפאר וואס דער פרעזידענט פון אנשטאלט, דזשייקאב מ. לאעב, האט ניט ערלויבט אן ארבייטער מיטינג אין אינסטיטוט. דער מיטינג האט געזאלט זיין מיט'ן צוועק צו זאמלען א פאנד צו פערטהיידיגען מעדיום שמידט און דייוויד קאפלאן, וועלכע זיינען ארעסטירט אין לאס אנדזשעלאס פאר זייער טהעטיגקייט אלס יוניאן פיהרער.

דער אידישער קווארטאל סימפאטיזירט מיט די סטרייקערס, וועלכע ערקלעהרען אז זייער קאמפף איז פאר רעדע פרייהייט.

נאך דער מלחמה



״דאס לאנד פון פערשפרעכונגען״, צו וועלכע אייראפא א מיעדע פון דער קריעג, וועט אויפהויבען די אויגען.

אמעריקאנער גאווערנארס פאדערען א גרעסערע ארמיי

באסטאן אויגוסט 29.

נעכטען האט זיך געשלאסען די אכטע יעהרליכע קאנפערענץ פון די גאווערנארס אין באסטאן. די לעצטע נאכמיטאג זיצונג איז געווען פערנומען מיט דער פראגע וועגען פערגרעסערען די אמעריקאנער ארמיי און פלאטע. אלע גאווערנארס מיט דער אויסנאהמע פון איינעם האבען זיך אויסגעשפראכען פאר דער פערגרעסערונג. די אויסנאהמע איז געווען גאווערנאר העמאנד פון מינעסאטא.

איינינע פון די גאווערנארס האבען געפאדערט אז די רעגולערע ארמיי זאל פערגרעסערט ווערען אויף 25 טויזענד און אז די רעזערווען מיט דער שטאאט מיליץ זאלען דערגרייכען די צאהל פון אנדערהאלבען מיליאן ביז צוויי מיליאן. עס איז אויך פארגעשלאגען געווארען אז די סטודענטען פון די קאלעדזשעס, וועלכע קריגען רעגיערונגס שטיצע זאלען קריגען א מיליטערישע ערציהונג און זאלען קענען דיענען אלס אפיצירען אין פאל פון נויטה.

ביי דער פארמיטאג זיצונג האט גאווערנאר וואלש פון מאסאטשוזעטס, גאווערנאר סטיוארט פון ווירדזשיניא און איינינע אנדערע שטארק אטאקירט גאווערנאר בליעז פון זיד קאראליינא פאר זיין פערטהיידיגונג פון לינטשערייען.

ביי דער לעצטער זיצונג האט אויך גערעדט סעקרעטערי רעדפילד פון דעם דעפארטמענט אוו קאמערס. ער האט ערקלעהרט אז אין די איצטיגע שווערע צייטען דארף מען זיין זעהר איינגעהאלטען אין רייד און טראגען אויף זיך א קלאהרען קאפ.

די געלעגענהייט פון נארט אנטעריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד.

ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגריקולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלט, פראדוצירען שיין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטעראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענדערמאהנטען געגענד שרייבט צו:

ה. א. מעקדאנעלד
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדונג
טאראנטא אנטעריא

נאטאריוס די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 אדעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלערזש 4319.

New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

ווארט ניט
אויף שפעטער!

יעצט איז די צייט צו קויפען גוטע ווארע פאר סוטס, איווערקאוטס און פענטס.

מיר האבען יעצט אריינגעקראגען אונזער פאל־סטאק פון די בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער מיללס. די לייטעסט פעטערנס צו האלס'יל פרייזעס. אויך טיילארס טרימינגס.

קומט און איבערצייגט זיך.

J. LUBINSKY
248 Simcoe St Phone Main 6446

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אייזשענסי אדער סאב אייזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אייזשענסי פון דאמיניאן לאנד (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען, א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויפ'ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטעד וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויפ'ן פלאץ אין יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטע צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען און יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויפבילדען א הויז אין ווערטה פון $300

וו. וו. קארי.
דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

— 87085

וואשינגטאן גלויבט אז דער סכסוך מיט דייטשלאנד איז געענדיגט

וואשינגטאן אויגוסט 28.

ניט בלויז די "אראביק" און די "לוסיטאניא" אינצידענטען, נאר די גאנצע סובמארין פראגע איז יעצט די טהעמא פון די דיפלאמאטישע פערהאנדלונגען צווישען די רעגיערונגען פון די פעראייניגטע שטאאטען און דייטשלאנד. אין וואשינגטאן איז מען אונטער דעם איינדרוק, אז דורך דעם "אראביק" אינצידענט וועט די גאנצע פראגע געלייזט ווערען צו דער פולער־צופריעדענהייט פון די פעראייניגטע שטאאטען.

דער בעריכט, אז דייטשלאנד איז גענייגט נאכצוגעבען אמעריקאנער פאדערונגען וועגען דער סובמארין פראגע בלויז מיט'ן בעדינג ווען אמעריקא וועט ווירקען אויף ענגלאנד צו מאדיפיצירען איהר בלאקאדע אויף די דייטשע פארטען, ווערט דיסקרעדיטירט אין וואשינגטאן. אויך אזוי ווייט האט נאך די דייטשע רעגיערונג דעם בעדינג צו דעם סטייט דעפארטמענט קלאר און דייטליך ניט פארגעלעגט און מען צווייפעלט אויב זי וועט עס טהאן, ווען די פערהאנדלונגען וועגען דער אראביק וועלען זיך אנפאנגען.

דיעזע דיפלאמאטישע פערהאנדלונגען וועלען זיך ערשט אנפאנגען ווען דייטשלאנד וועט קריגען דעם רעפארט פון דעם סובמארין קאמאנדיר וועלכער האט געזונקען די שיף, אויב די שיף איז איבערהויפט געזונקען געווארען פון א דייטשער טארפידא. ווי בעקאנט איז נאך דייטשלאנד אליין ניט קלאהר ביי זיך וועגען דאס זינקען פון דער "אראביק". אין די אדמיראליטעט קרייזען איז מען נאך אלץ גענייגט צו גלויבען, אז די שיף איז געזונקען געווארען פון א שווימענדער מינע.

דער צווייפעל אין דער אדמיראליטעט נעהמט זיך וואהרשיינליך פון דעם, וואס די דייטשע סובמארין קאמאנדירען האבען געקראגען ארדערס ניט צו זינקען קיינע שיפען וואס פיהרען אמעריקאנער פאסאזירען, סיידען זיי זיינען צו דעם בערעכטיגט. די אדמיראליטעט גלויבט דארום ניט אז א דייטשער אפיציר זאל געהן איבער זיינע אינסטרוקציעס.

—):(—

דריי מאנאט נאך וועט אנהאלטען דאס צוריקציהען.

פעטראגראד אויגוסט 29

עס איז כמעט ניט פאראן וואס צו בעריכטען פון פראנט. דאס הייסט, אויסער דעם שטענדיגען צוריקציהען זיך, אין וועלכען עס איז קיין נייעס ניטא, קיין שום ענדערונג אויסער צוריק און צוריק, וועלכעס קלינגט שוין צופיעל איינטאניג.

נייעס איז איצט די נייע דייטשע אטאקע ביי זלאטא ליפא, און אויפ'ן דניעסטער די איצטיגע אטאקען זיינען, ווי עס זעהט אויס מיט א פעסטען בעשלוס, וועלכעס איז ניט געווען דער פאל ביז איצט, ווייל די רוסען האבען זיי תמיד צוריקגעשטויסען. דער שונא ווערט אלץ מיט ערפאלג צוריק געהאלטען ביי ווילנא און פרייטאג איז ער בעגעגענט געווארען מיט א צאהל געגען אטאקען צווישען ווילנא און דעם ניעמען.

די שלאכטען קען מען זאגען ווערען ניט אונטערבראכען אויף דער גאנצער ליניע, מעהר ניט וואס עס האט דאס אויסגעזעהען ווי עס וואלטען געווען גאנץ בעזונדערע צוזאמענשטויסען, ניט ווי איין שלאכטפעלד.

דיעזער סארט קריעג, גלויבט מען, וועט נאך געדויערען צוויי אדער דריי מאנאט, צווישען וועלכער צייט דער לאנגזאמער פראצעס פון שטענדיגען צוריק ציהען זיך מיט וויעדערהאלטע געגען אטאקען וועט האבען אריין געשלעפט די דייטשען נאך א צוויי הונדערט מייל טיעפער אין רוסלאנד אריין, דורך דעם פערוויסטעטען לאנד און מיט א רוסישען ווינטער הינטער דער טהיר.

און די לאגע וועט אין פיעלע הינזיכטען זיין עהנליך צו דער פון נאפאלעאן, ווען ער האט מיאוס אבגעשניטען.

א קליין אידיש העלדעל

מאיר דזשייקאבס, א אידיש אינגעלע פון 12 יאהר, וועלכער וואהנט אין 211 בעווערלי סטריט, האט געראטעוועט פון א זיכערען טויט א פיער יעהריג מיידעלע.

דאס מיידעלע, וועלכע דארף דעם גומל בענשען,, הייסט ברכה סינגער. אלט איז זי פיער יאהר, און איז א טאכטער פון מר. דזשייקאב סינגער פון 209 בעווערלי סטריט.

און גאט האט אנגעגרייט די רפואה פאר דער מכה:

ווען ברכה סינגער איז ארויסגעפאלען דורך'ן פענסטער פון דריטען פלאר און וואלט אהנע צווייפעל געהרגעט געווארען, איז געשטאנען דער צוועלף יעהריגער העלד מאיר דזשייקאבס, וועלכער האט דאס בעמערקט און פלינק ווי פייל אויסגעבויגען האט ער אונטער געשטעלט זיינע הענטעלעך, געבענטשט זאלען זיי זיין, און האט געכאפט דאס מיידעלע און זי איז געראטעוועט געווארען.

E. I. KENEN

WITH
MELVILLE-DAVIS CO.
24 Toronto St.
GENERAL INSURANCE BROKERS
TELEPHONE MAIN
4711

דער איינציגער אידישער אגענט
אין קאנאדא פיר

פייער אינשורענס

די

קאנטינענטאל אינשורענס קא.

אף ניו יארק

עטאבלירט איבער 62 יאהר

עלטסטע, שטארקסטע, און רייכסטע קא.

לייסענד פון די דאמיניאן גאווערנמענט

איהר רעקארד פון אשר'דיגער בעהאנדלונג, איהר גרונטאוונע מענעדזשמענט; איהר פינאנציעלע קראפט גיט דער קאנטינענטאל (פייער) אינשורענס קאמפאני איהר מעמד אין דער אינשורענס וועלט. אין דיעזע צייטען קען מען ניט גענוג בעטאנען די פינאנציעלע שטארקייט פון דיעזער קאמפאני, וועלכע האט קיין גלייכען ניט, צו איהרע פאליסי האלדערס, איהרע אגענטען אדער די יעניגע וואס ווילען זיך אינשורען.

פאליסיעס פון דיעזער קאמפאני זענען פיר יעדען ביזנעס מאן — יעדע באנק נעמט זיי אהן פאר געלד—מיינע ווערטער וועלען בעשטעטיגט ווערען פון די פאלגענדע באנק אינסטיטוציאנען קאנדיאן באנק אף קאמערס, אימפעריאל באנק אף קאנאדא, סטאנדארט באנק אף טאראנטא נעמען אהן אונזערע פאליסעס אלס סעקיורעטי ווענען קרעדיט.

אינשורט אייך היינטע — מארגען קען עס זיין צו שפעט:—

L. WHITE & SON
177 Queen St. W
Phone Adelaide 2015

צו וואס דארפט איהר א נייעס סוט פיר יום טוב?

— ווען איהר קענט קריגען —

געקלינט אייער אלטען סוט אדער אווערקאוט

עס זאל אויסזעהן פונקט ווי ניי

מיר קלינען און פארבען מענער און ליידיס סוטס, אווערקאוטס, סילק דרעסעס, בלאוזעס און גלאווס, פונקט ווי ניי.

מיר לייהען אויך איווינינג דרעס־סוטס פיר קליינע קאסטען.

מאנט קלעמענס טישענען

שיקאגא כשר האטעל

איז מבשר א בשורה טובה צום ווערטהען פובליקום בכלל און בפרט צו אונזערע געשעצטע געסט, דאס מיר האבען געמופט אין א פיינעם 3 סטארי סטיעם היעט בילדינג מיט אלע אימפראוומענטס, געבען די גרעסטע בעטה הייזער. בכדי אונזערע געסט זאלען האבען די בעקוועהמליכקייט, צו דער זעלבער צייט סטריקט כשר מיט דער השגחה פון א בת הרב מיוחס.

כדי אונזער האטעל זאל כשר געפיהרט ווערען אויך מיט די בעסטע בעהאנדלונג צופריעדענשטעלענד א גוטע היים מיט מעסיגע פרייזען.

ביז' שרייבט וועגען, און ווי אזוי איהר פאהרט ארויף וועלען מיר אייך ערווארטען מיט'ן אויטאמאביל פריי.

CHICAGO KOSHER HOTEL
A. L. Miller & M. Scheiner, Props.
43 South Gratiot Ave.
MT. CLEMENS Mich.

עסט פרישע עסען און לעבט לאנג

מיר קייטערען פאר באנקעטען, חתונות א. א. וו. מיר פערזארגען אייך דעם מאן מיט עסען ווען די פאמיליע איז אין קאנטרי.

עסט אין א ריינעם רעסטאראנט. אלעס שעהן, פריש, גוט, געשמאק זויבער און — דוקא ביליג.

אבער'ס כשר רעסטאראנט

168 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן עדלייד 1960

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זענען באדינט געווארען. דזשאבבער לאטס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלאפאן עדלייד 3772.

◆ ◆ ◆

א גליק פאר די אידען פון די וועסט

מיר די קאנגרעגיישאן אנשי מאזיר, מאכען בעקאנט די אידען פון טאראנטא אז א בעריהמטער חזן וועט דאווענען

ראש השנה, ש"ש און יום כפור

אין גרויסען לופטיגען אסעמבלי האלל קארנער קאלערזש און בראנזוויק

ערשטע סליחות וועלען געזאגט ווערען אין דעם זעלבען האלל פון 12 ביז 2 אוהר.

טיקעטס: מענער 50 סענט און 75 סענט. פרויען 50 סענט און 75 סענט

אויפמערקזאם! א ספעציעל פליים איז ארראנדזשירט אין האלל פאר בייבי קערעדזשעס, און דרעסינג רומס. מיר ווינשען אלע אידען א כתיבה וחתימה טובה און א גליקליך נייעם יאהר.

◆ ◆ ◆